STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03160

IDISHKAYT FAR'N MODERNEM ID

Zvi Cahn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישקייט פאר׳ן מאָדערנעם איד

די גרונד־פּראָבלעמען און צילען פון
דער באַוועגונג „ניי־אידישקייט״

פון דר. צבי כהן

•

ארויסגעגעבען פון:
פאַרלאַג סיני, ביי דער „ניי אידישקייט״-צענטראַלע
ניו יאָרק

Copyright by Dr. Zvi Cahn, New York, 1941.

200

מען האָט דיר אָנגעזאָגט, מענטש,
וואָס איז גוט פאַר דיר; נאָר בלויז טאָן
גערעכטיגקייט און ליעב האָבען גענאָד
און אומגעהן שטיל פאַר דיין גאָט.

(מיכה ו׳ ח.)

וואָס מיר ווילען

(דעקלאַראַציע)

די באַוועגונג „ניי־אידישקייט” וויל געבען דעם מאָדערנעם אידען אַ נייעם אינהאַלט אין לעבען, אַן אינהאַלט, וואָס איז נישט געקומען פון פרעמדע, גוי׳אישע קוועלען נאָר פון אייגענע, אידישע; אַ תוכן פאַר אַן אידעאישער צופרידענהייט מיט זיך אַליין, מיט דער אַרומיגער אידישער סביבה און אויך מיט דער נישט אידישער וועלט. אַ פאָרמולע, וואָס זאָל אים פיהרען צום העכערען שטייגען און זיין פאַר איהם אַ מקור פון עקסטאַז און באַגייסטערונג.

מיר האָבען שוין גענוג ביז איצט געזוכט אַ תיקון פאַר אונזער נשמה, אין די פעלדער פון אַנדערע פעלקער. ענדליך האָבען מיר זיך אַרומגעזעהן, אַז מיר האָבען נאָר געבלאָנדזשעט און אונזער וועג איז — צוריק אַ היים, צו אונזער גייסטיגער היים.

„ניי אידישקייט” וויל אַריינברענגען אַ סיסטעם אין דעם כאַאָס און ווירוואַר צושטאַנד פון היינטיגען איד, ביי וועלכען עס זיינען צונויפגעמישט פאַרבליבענע רעשטלעך פון אונזער רייכען עבר, צוזאַמען מיט שטיקלעך און ברעקלעך פון דער מאָדערנער געדאַנקען־וועלט, גלייכצייטיג מיט אונקלאָרע פערספעקטיוועז אויף דער צוקונפט. דעם היינטיגען אידען, וואָס האָט זיך ענטווישט אין די גאָלדענע חלומות פון די פאַרשידענע פרעדיגער און איז געבליבען נאַקעט אין דער וועלט פון אידעען, וויל „ניי־אידישקייט” געבען אַ נייעם לעבענס־וועג, דורך געהן צוריק צום מקור פון אידישקייט. אידישקייט פאַרמאָגט גרויסע אוצרות, וואָס

זיינען געשאַפען געוואָרען פון אונזערע אור־עלטערען. די אוצרות זיינען פול מיט פעריל פון עטיק און דימאַנט שטיינער פון עס־טעטיק, ווי אויך מיט גייסטרייכע לעבענס־חכמה. אָט די אוצרות זיינען אונזער פאַרמעגען. מיר דאַרפען פון זיי געניסען און מאַכען זיי צוגענגליך אויך פאַר אונזערע קינדער. מיר מוזען אויף זיי אויפציהען אונזער נייעם אידישען דור.

אָבער „ניי־אידישקייט" מיינט נישט עפּעס אַ נייע אידישקייט. ניין, ניי־אידישקייט" מיינט אַ באַנייטע אידישקייט, עס איז די זעלבע אידישקייט פון אונזערע עלטערען, נאָר באַנייט און צו־געפּאַסט צו אונזער צייט, ווייל אידישקייט האָט אין זיך דעם כח, וואָס זי קאָן זיך אַלע מאָל צופּאַסען צו דער צייט. אָט די צו־פּאַסונגס־קראַפט, די דינאַמישקייט פון אידישקייט איז איהר הויפּט אינהאַלט, איהר נשמה. אידישקייט אין גרונד גענומען איז נישט רעליגיע נאָר רעליגיאָזיטעט. דאָס מיינט, אַז אידישקייט איז נישט פאַרטרוקענע אַלטע אָפּגעלעבטע סימבאָלען, נאָר ממשות'דיגע באַ־גריפען און מעשים. „ניי־אידישקייט" וויל דעריבער געהן אויפן אַלטען וועג פון אונזערע גרויסע פיהרער, וועלכע האָבען אַלע מאָל אין אַלע צייטען באַנייט דאָס אידישקייט און איהר געגעבען אַ מאָדערנעם אויסזעהן.

און אָט דאָס איז עס, וואָס מיר ווילען, צו וואָס מיר שטרעבען. מיר ווילען זיך אויסלעבען אין די תורה ומעשים טובים פון אי־דישקייט, אַזוי ווי מיר פאַרשטעהען זיי. די אויסטייטשער פון אידישקייט די תנאים און נביאים האָבען זיך שטענדיג גע־האַלטען אָן כלל: „התורה נתנה לבני אדם". די תורה איז גע־געבען געוואָרען צו מענשען און נישט צו מלאכים. מיר האָבען דעריבער אַ רעכט, און עס איז אין גוטען איינקלאַנג מיט די הויפּט פּרינציפּען פון אידישקייט, צו וועלען פאַרשטעהן און צו־פּאַסען די געזעצען פון דער תורה.

מיר ווילען געבען אַ נייעם אינהאַלט צו אונזערע שבתים און ימים טובים, אַז זיי זאָלען מעהר נישט זיין בלויז טעג פון קערפּערליכען פאַרגעניגען, ווי זיי זיינען לעצטענס ביי אונז געוואָרען, נאָר זיי זאָלען זיין, אַזוי ווי זיי זיינען געוועזן ביי אונ־

זערע זיידעס, טעג פון העכערער גייסטיגער הנאה, טעג פון דער־הויבונג, טעג פון עלית נשמה.

„ניי־אידישקייט" וויל שאַפען אַ נייעם אידען, אַ טיפערען אידען, אַ איד וואָס זאָל צוריק דערזעהן די גרויסע ליכט פון אידישקייט און דורך איהר בעלויכטען זיין גהעטאָ אין דער איצ־טיגער פינסטערניש, וואָס הערשט אויף דער וועלט. „ניי־אידיש־קייט" ווייל צוריק שעפען פון אונזער אייגענעם קוואַל, פון איהר מקור, פון סאַמע אָנהויב, פון סיני.

„ניי־אידישקייט" איז דער אייגענאַרטיגער אידישער וועג פון דענקען. עס איז די פאָרם וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון אונזערע עלטער־זיידעס די באַגרינדער פון אידישקייט, און וועלכע איז צו אונז געקומען בירושה: אַ ירושה, וואָס מיר האָבען, יאָגענדיג זיך נאָך דעם פאַלשען ליכט פון די גוים, פאַרלאָזען. „ניי־אידישקייט" איז די אידישע לעבענס־פילאָזאָפיע, וואָס שעפט פון אונזער אַלטען מקור און פאַראייניגט זיך מיט'ן איצט פאַר דער אויסבעסערונג פון דער צוקונפט.

„ניי־אידישקייט" צענטראַלע, ניו יאָרק.

1. רעליגיע און רעליגיאָזיטעט

אונזערע הײנטיגע אַטעאיסטען האָבען, נישט דעם מינדעסטען באַגריף װעגען דעם טיפען אונטערשיד און דעם גרױסען מהלך, װאָס איז פאַראַן צװישען רעליגיאָזיטעט און רעליגיע. זײ װײסען נישט, אַז בעת די רעליגיע איז אַ קאַסטען פון טרוקענע דאָג־מעס, אַ פעלד פון פאַרשטײנערטע געפיהלען, איז רעליגיאָזיטעט — דאָס העכערע װעזען פון מענשען. רעליגיאָזיטעט איז אײנגעבױרען אין מענשען. עס איז אײגענטליך דאָס שענסטע און העכסטע אין איהם. עס איז דער װילען צום העכערען, די אײביגע אונצופרידענהײט, די אונאױפהערלעכע שטרעבונג צום דערהױבענסטען, די געטלעכע אומרו — װאָס אָן דעם איז דער מענש גאָרנישט. אָן דעם װאָלט דער מענש גאָרנישט אינטע־רעסאַנט געװען.

רעליגיע איז טױטע רעליגיאָזיטעט. די רעליגיאָזיטעט האָט אַלע מאָל געשטרעבט צו שאַפען סימבאָלען פאַר אירע העכערע אױסדרוקען. װען אָט־די סימבאָלען זײנען געװען נײ, װען נאָך פריש — זײנען זײ געװען אינטערעסאַנט, אָבער מיט׳ן װעג פון דורות האָבען זײ פאַרלױרען די אידעע, װאָס מען האָט אַרײנגעלעגט אין זײ און — זײ זײנען געװאָרען דאָגמעס. אָט־די דאָגמעס הײסען שפּעטער — רעליגיע. עס איז פאַרשטײנערטע רעליגיאָזיטעט, פּונקט אַזױ װי פאַרשטײנערטע בױמער זײנען קױלען. אָט־די דאָגמעס אין פאָרם פון רעליגיע װערען אָפּגעהיטען פון מיליאָנען מענשען, אָבער מערסטענטײל מעכאַניש, אַלס ירושה פון די עלטערען, אָן שום געפיל פון האַרץ. אױב דאָס האַרץ גיט זיך אַמאָל בײ אַזאַ אײנעם אַ צאַפּעל, איז עס די רעליגיאָזיטעט.

די אַטעאיסטען אָבער פאַרוואַרפען די רעליגיע צוזאַמען מיט דער רעליגיאָזיטעט.

רעליגיע איז ניט געבוירען געוואָרען פון שרעק, נאָר פון אַ העכערען געפיל. עס איז נישט אמת, אַז די מורא האָט גע־בוירען דעם גלויבען אין גאָט. עס איז געווען דאָס העכערע גע־פיל אין מענשען, וואָס האָט עס געשאַפען. עס איז געווען דאָס רעליגיאָזיטעט־געפיל, וואָס האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען דאָס אונ־הימלעכע ווענזען פון דער נאַטור אין אַ באַקאַנטעס, הימלעכעס; איבעראַנדערשען די אייזענהאַפטע, אונבויגזאַמע נאַטור, וואָס שטרעבט נאָר דורכצופירען אירע צילען, — אין אַ ווערקצייג אין מענשענס הענט. דאָס געפיל איז געווען דער שורש פון דער אַנהויב־שטרעבונג צו בילדונג, קולטור, פאַרטשריט און ציוויליזאַציע. קולטור, אין תוך גענומען, האָט נאָר די שטרעבונג צו מאַכען די נאַטור פאַר אונז טעאָרעטיש־פאַרשטענדלעך און פּראַקטיש־מעגליך, אָבער רעליגיאָזיטעט האָט נאָך אַ העכערען ציל, פיל העכער פון קולטור. דאָס איז די שטרעבונג צום הע־כערען און די וויזיע פון אונזענבאַרען — אָט דאָס איז דער גרונד פאַר קונסט און וויסענשאַפט, וואָרים קונסט און וויסענ־שאַפט זיינען נאָר טעכטער פון רעליגיאָזיטעט.

אָבער ווען רעליגיע ווערט פאַרשטיינערט ווערט זי רעליגיע, און פאַרשטיינערטע רעליגיע בלייבט נישט בלויז ביי דאָגמעס, נאָר יעדע רעליגיע האָט נאָך דעם גרויסוואַן, די גדלות־משוגעת צו וועלען לייזען אַלע פּראָבלעמען פון דער וועלט מיט איר מע־טאָדע. זי וויל געבען אַ פּתרון צו אַלע איינצעלנע לעבענס־דער־שיינונגען. אָבער אַזוי ווי דאָס איז אונמעגלעך, קומט זי אין צו־זאַמענשטויס מיט לעבען און, איבערהויפּט, מיט דער קונסט און וויסענשאַפט, די טעכטער פון דער רעליגיאָזיטעט. אָט צוליב דעם ווילען פיל פריידענקער נישט וויסען אין גאַנצען פון רעליגיע. זייער שנאה צו דער רעליגיע נעמט טיילמאָל אָן אַזאַ מאָס, אַז זיי פאַרוואַרפען אויך די רעליגיאָזיטעט, וואָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, און וואָס איז גראָד דאָ אין זיי אַליין אין אַ גרויסער מאָס, וואָרים אַפילו דער אייפער, וואָס זיי ווייזען אַרויס צו באַ־

קעמפען רעליגיע, איז אויך נאָר אַ פאַרשטאַרקטע פאָרם פון רעליגיאָזיטעט.

אין טעגלעכען לעבען פון געוויינלעכען מענשען, קאָן מען נישט אַזוי שטאַרק באַמערקען די מאָס פון רעליגיאָזיטעט, וואָס קומט אין אים צום אויסדרוק, דערפאַר אָבער איז עס, אָן אַ ספק, דער תוך פון יעדער קונסט און וויסענשאַפט.

געטהע האָט געזאָגט דאָס קלוגע און שאַרפזיניגע וואָרט: „ווער עס באַזיצט וויסענשאַפט אָדער קונסט, האָט אויך רעליגיע".

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: ווער עס איז אַ דינער אין טעמפעל פון קונסט און וויסענשאַפט, דער האָט שוין ממילא אויך רעליגיאָזיטעט, ווייל דאָס איז דאָך די מוטער פוןביידען.

און ווי קאָן עס דען גאָר אַנדערש זיין — ווען יעדע פאָרם פון קונסט איז אָן אויסדרוק פון שטרעבען צום העכערען, פון דעם ציטער אין האַרצען פון דעם שעפער, וואָס זוכט צו קומען נענטער צו דער געטלעכקייט, צו דעם העכסטען גייסטיגען אין אונזער וועלט־אַל? דאָס געפיל איז דאָך די רעליגיאָזיטעט, וואָס גיט אונז קיינמאָל קיין רו נישט, וואָס מאַכט אונז אייביג שטרעבען און בענקען.

דאָס זיינען געוועזן אמת'ן, וואָס מען האָט זיי תמיד פאַר־שטאַנען ביי אַלע פעלקער, און ווען עס איז געקומען די רענע־סאַנס־עפּאָכע, ווען רעליגיע האָט געליטען אַ ירידה, האָט די רעליגיאָזיטעט, אין פאָרם פון קונסט און וויסענשאַפט, גראָד גע־נומען שטייגען.

דאָס וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרען איז געוועזן קלאָר און איינפאַך אויך פאַר אונזערע משכילים, און אַפילו פאַר די אַפּיקורסים, „חלב־עסער", וועלכע האָבען אַזוי ביטער באַקעמפט די רעליגיע. זיי האָבען זיך געהיט נישט אַרויסצוגיסען דאָס וואַ־סער פון דער וואַנע מיט'ן קינד צוזאַמען. אויסראָטען די רע־ליגיע — דאָס יאָ, אָבער רעליגיאָזיטעט — נישט. אָט־דעם גע־פיל האָבען זיי באַהאַנדעלט מיט יראת־הכבוד.

אָבער וואָס די משכילים האָבען אין יענע יאָרען נישט גע־וואָגט צו טאָן, האָבען געטאָן שפּעטער די פּאַרטיי־פירער אין די יאָרען 1904—1905, פאַר זיי, וועלכע זיינען געקומען לערנען אַנדערע, אָן צו האָבען אַליין געלערענט, איז געווען קלאָר איין זאַך, אַז מען דאַרף מבער חמץ זיין מיט דער גאַנצער רעליגיע און אויך מיט רעליגיאָזיטעט, אַז עס זאָל דערפון נישט בלייבען קיין שריד ופליט. פּשוט עס אַרויסרייסען פון האַרצען.

איך וויים נישט וויפיל די פּאַרטייען האָבען בכלל אויף זייער קרעדיט פאַר די אַלגעמיינע געשעהענישען אין דער וועלט און באַזונדערס פאַר די געשעהענישען אין אידישען לעבען. אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז די גאָטלאָזיגקייט, וואָס זיי האָבען אַריינ־געטראָגען אין דער אידישער גאַס, האָט אָנגעהאַלטען עטלעכע צענדליג יאָרען, זי האָט זיך באַזונדערס שטאַרק איינגעבירגערט אין אונזער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע, און האָט אַזוי אָנ־געהאַלטען ביז גאָר אין דער לעצטער צייט.

אָבער גראַד טאָקע אין אונזער פאַר'חושכ'טער צייט, וואָס איז אַזוי ווייניג מסוגל אַרויסצורופען ביי מענשען ווידערשטאַנדס־געפילען, האָט זיך גענומען וועקען אַזאַ ווידערשטאַנדס־געפיל ביי אונזערע קינסטלער. זיי האָבען אָנגעהויבען זיך אַרומזען, אַז דאָס רעליגיאָזיטעט־געפיל, וואָס איז געוואָרען „טאַבו" אויף דער אידישער גאַס מצד די טרוקענע פּאַרטיי־קלייזלעך, איז גאָר דער אמת'ער איביגער קוואַל פון קונסט, דער ברונעם, פון וועלכען יעדער אמת'ער קינסטלער מוז טרינקען, און זיי האָבען גענומען מורד זיין.

די מרידה האָט זיך פונקט צוזאַמענגעטראָפען מיט אַ מרידה פון די אידישע פאָלקס־מאַסען, אויך זיי האָבען דערפילט אַז מען האָט אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן בוידעם אונזער גאַנצער ירושה וואָס הייסט אידישקייט און אַז מען האָט אַפילו נישט איבערגעקוקט, וואָס מען וואַרפט אַרויס.

איצט קומט פאַר ביי אונז אַ געפיל צו געהן צוריק אַרויף אויפ'ן בוידעם, כדי צו זעהן, וואָס מיר האָבען דאָרטען אַרויפ־

געוואָרפען. מען נעמט איצט גריבלען זיך אין דעם הייליגען שמות און מען געפינט דאָרטען אוצרות.

אמת, מען דאַרף די הייליגע זאַכען אַביסעל אָפּרייניגען, אָפּשטויבען, אַרומוואַשען. מען דאַרף אָפּרייניגען דעם שימעל. אָבער אַ ברילאַנט ווערט קיינמאָל נישט אַלט, ציהרונג איז שטענדיג אין דער מאָדע אַפילו ווען עס איז אַלט, עס ווערט נאָך טייערער, ווייל עס איז אַנטיק־ציהרונג.

מיר געהען צוריק צו אידישקייט, ווייל דאָס איז אונזער לעהרע. ווייל דאָ געפינען מיר פיל מעהר מענשלעכקייט ווי אין אַלע אַנדערע נייע תורות צוזאַמענגענומען; ווייל אידישקייט האָט שטענדיג אויפגעהאַלטען אונזער קיום און אונז געגעבען מוט צו באַקעמפען אַלע אונזער צרות; ווייל אין אידישקייט קאָנען מיר זיך אויסלעבען צו זיין בעסערע מענשען, כאָטש די וועלט אַרום איז פאַרדאַרבען און איז פול מיט האַס צו אונז.

אידישקייט איז אונזער עמוד־אש אויף אונזער לאַנגען וועג צווישען די פעלקער.

אידישקייט אין אַ באַנייטער פאָרם. „ניי־אידישקייט" איז די לעבענס־פילאָזאָפיע פון נייעם מאָדערנעם איד.

2. איז אידישקייט סטאַטיש אָדער דינאַמיש?

נאָך אין גאָר אַלטע צייטען איז געשטעלט געוואָרען די פראַגע: וואָס אזוינס איז אידישקייט? איז אידישקייט אַ פאַר־שטיינערטע זאַך, אַ באַרג מיט געזעצען, וואָס דער איד דאַרף אָפּ־היטען, צי ער וויל עס יאָ, צי ער וויל עס נישט, און צו ער פאַרשטעהט זיי אָדער נישט, אָדער עס איז אַן ענין פאַר דעם מענשען, וואָס דאַרף עס פיהלען און זיך דערין אויסלעבען? מיט אַנדערע ווערטער: איז אידישקייט אַ סטאַטישע זאַך אָדער אַ די־נאַמישער כח? איז עס אַן אָפּגעשטאַנען טייכעל, אָדער אַ לע־בעדיגער ים־שטראָם? — און פון די גאָר אַלטע צייטען אָן, פון די סאַמע עלטסטע, טאַקע פון די צייטען פון תנ״ך און שפּע־טער פון משנה און תלמוד איז געקומען צו אונז דער ענטפער: אידישקייט אין אַ דינאַמישע קראַפט! אידישקייט איז אַ קוואַל פון לעבען. אידישקייט איז אַ לעהרע, וואָס איהר הויפּט פּרינציפּ איז די צופּאַסונג צום לעבען.

אידישקייט גיט דעם אידען דריי זאַכען: 1) אַ העכערען אינהאַלט אין לעבען; 2) אַ וועג ווי אַזוי צו לעבען אַליין; און 3) אַ וועג ווי אַזוי צו לעבען מיט מיט־מענשען.

דער העכערער וועג פיהרט דורך ליבע צו גאָט. אידישקייט פּרעדיגט נישט נאָר, אַז גאָט איז איינציג און, אַז גאָט איז נישט קיין גוף און אויף איהם איז נישט חל אַלע באַגריפען, וואָס זיינען שייך צו אַ גוף; אַז ער איז דער מקור פון אַלעם און איבער אַלעם און מיר קאָנען איהם נישט פאַרשטעהן, ווייל מיר זיינען געשאַפען פון איהם, אָבער מיר האָבען נישט קיין אַהנונג וועגען

איהם, נאָר עס געהט נאָך אַ שריט ווייטער און פאָדערט אונז אויף ליב צו האָבען גאָט, אָבער די ליבע איז נישט סתם ליב האָבען, נאָר אין דער העכסטער פאָרם פון ליבע. „ „ואהבת את ה' אלהך, בכל לבבך, ובכל נפשך ובכל מאודך" — דו זאָלסט ליב האָבען דיין גאָט מיט דיין גאַנצען הארצען, מיט דיין גאַנצער נשמה און מיט דיין גאַנץ פאַרמעגען! אויף דעם אויסדרוק „בכל נפשך", זאָגט דער תלמוד „אפילו נוטל את נפשך" אַפילו ווען מען נעהמט דיר צו דאָס לעבען. דאָס מיינט די העכסטע פאָרם פון ליבע. יענע ליבע וואָס דערגרייכט צו אַזאַ הויכער מדרגה, ווען מען איז גרייט אָפּצוגעבען דאָס לעבען פאַר דעם, ווען מען ליבט. עס איז אַ צושטאַנד, ווען דער מענש איז גרייט צו ברענגען זיך אַליין פאַר אַ קרבן אויף דעם מזבח פון ליבע.

ווען דער מענש דערגרייכט צו דער הויך פון ליבע, דערגרייכט ער דעם סאַמען שפּיץ פון שטייגען אויפ'ן באַרג צום העכערען; ער קומט צו צום סאַמען שפּיץ פון דער גרעסטער עקזאלטונג צו דער העכסטער התהלבות, צו דעם טיפסטען עקסטאַז. ער ווערט דעמאָלט אויסגעטאָן פון די קערפּערלעכע געברויכען און איז כמעט ווי אַ הוילע רוחניות און זיין נשמה שוועבט אין די העכערע וועלטען.

אָבער ווי אַזוי קומט מען צו דעם, צו ליבען גאָט? קען מען דען ליבען ווען מען וויל נאָר? איז דען ליבע אַזאַ זאַך, וואָס מען קען עס דערגרייכען יעדע צייט?

די ווייט־זעהעוודיגקייט פון אידישקייט וויל האָבען, אַז מען קען עס דערגרייכען נישט מיט אַ מאָל, נאָר דורך מדרגות, וואָס די ערשטע פון זיי איז „והגית בו יומם ולילה" (דו זאָלסט לערנען גאָט'ס תורה טאָג און נאַכט). דורך פאַרטיפען זיך אין דער געטלעכער לעהרע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פאַר דעם מענשען, קען מען אָנהויבען צו דערגרייכען גאָט, און דורך דעם צו — אַלץ מעהר ליבע צו גאָט. דער תלמוד האָט דערויף געגעבען דעם סלאָגאַן: לעולם ילמוד אדם תורה אַפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה" — מען זאָל שטענדיג לערנען תורה, אַפילו, ווען עס איז נישט מיט'ן גאַנצען האַרצען, ווייל פון אַזאַ לערנען, קען מען קומען דערצו צו לערנען לשמה.

צוליב דעם צוועק, האָט אידישקייט אין איהר אָנהויב, געשאַפען אַ גאַנצע רייהע פון פאָרמען, וועלכע זאָלען דערמאָהנען דעם אידען, אַז זיין ציל דאַרף זיין צו געדענקען שטענדיג די געטלעכקייט און שטרעבען צו דערגרייכען איהר. די דאָזיגע פאָרמען זיינען געווען אין אָנהויב סימבאָלען, מיט פיל נייקייט און הארציגקייט, נאָר שפּעטער זיינען זיי געוואָרען ביי די מענשען מעכאַניש, האָבען פאַרלאָרען די אורשפּרונג כוונות און זיינען געוואָרען טרוקענע דאָגמאָס. פון די סימבאָלען קען מען דערמאָנען: ציצית, וואָס האָבען געהאַט דעם ציל, ווי עס ווערט געזאָגט אין חומש, מען זאָל זיך דורך זיי, זיבען פעדים ווייס און איין פאָדים בלוי, דערמאָנען אָן הימלישען; תפלין, וועלכע האָבען געהאַט דעם ציל, צו סימבאָליזירען, לויט דעם אָריענטאָלישען אויסדרוק, דאָס געדענקען אָן דער געטליכקייט אַלס אַ צייכען אויף דיין האַנד און אָן אָנווייזונג אויף דיין קאָפּ, און די מזוזה וועלכע איז געווען אַ סימבאָל, צו מאַכען דאָס געדענקען אָן דער געטליכקייט, אַלס אַ צייכען ביי דער טיר. אַזוי האָט אידישקייט געהאַט נאָך פיל אַנדערע פאָרמען צו דערגרייכען אָט־די שטרעבונג צו דער געטליכקייט.

וואָס עס איז שייך צו דער צווייטער לעהרע, ווי אַזוי דער מענש זאָל זיך פיהרען בנוגע זיך אַליין, האָבען מיר אין דער תורה אַ גאַנצע רייהע פון געזעצען וואָס זיינען געצילט פאַר דעם צוועק. אַזעלכע אויסדרוקען ווי: „ושמרתם לנפשותיכם" (איהר זאָלט אָפּהיטען אייערע לייבער), „ובחרת בחיים" (דו זאָלסט אויסוועהלען דאָס לעבען), און נאָך אַנדערע, ווייזען אָן אויף דער דאָזיגער ריכטונג. פיל פון די געזעצען פון דער תורה האָבען אַ סוף פסוק. „למען ייטב לך ולבניך אחרך", כדי עס זאָל זיין גוט דיר און צו דיינע קינדער נאָך דיר.

צווישען די געזעצען וואָס זיינען געגעבען געוואָרען פאַר דעם מענשען אַליין, כדי אָפּצוהיטען און באַלאַנסירען זיינע גייסטיגע און פיזישע כחות, פאַרנעמט אַ באַזונדערען אָרט — שבת, אַלס רוה־טאָג.

די מאָטיווירונג פון שבת איז אַ צוויפאַכע אין דער ביבעל.

אין די עשרת הדברות אין „שמות" ווערט אָנגעגעבען אַלס מאָטיוו פאַר שבת, דאָס וואָס גאָט האָט געשאַפען די וועלט אין זעקס טעג און גערוהט אין דעם זיבעטען טאָג, אָבער אין די עשרת הדברות פון „דברים" איז שוין דאָ אַן אַנדערער מאָטיוו, ווייל מען האָט די אידען אַרויסגענומען פון מצרים. עס ווייזט אויס, אַז אין דער צייט ווען דאָס ספר דברים איז געשריבען געוואָרען, איז דער ערשטער מאָטיוו שוין נישט געווען אַזוי שטאַרק און מען האָט געדאַרפט אַן אַנדערען, מעהר ווירקזאַמערען מאָטיוו, און דאָס האָט מען געפונען אין יציאת מצרים, וואָס איז דעמאָלט געווען נאָך פריש אין זכרון און מעהר אַקטועל. אָבער פון דער צווייטער מאָטיווירונג איז צו זעהן נאָך אַ זאַך, נעמליך, אַז אין דער מאָטיווירונג גופא איז פאַרגעקומען אַן עוואָלוציע. מען האָט אוועקגענומען די ערשטע מאָטיווירונג וואָס מאַכט דעם שבת פאַר אַ סטאַטיק, וואָס מיינט, נאָר דער טאָג וואָס הייסט שבת, ווייל גאָט האָט אין דעם טאָג גערוהט, און אַנשטאָט דעם געגעבען אַ צווייטע מאָטיווירונג, ווייל מען האָט דיך אויסגעלייזט פון מצרים. וואָס מיינט רוה־טאָג אין פרינציפּ, ווען דער טאָג זאָל נישט זיין. ווי מיר וועלען עס זעהן שפּעטער. כדי צו מאַכען דעם רוה־טאָג פאָלקאָם, האָט מען באַפוילען אַז אַלץ מוז רוהען. „אויך דיין קנעכט, דיין אָקס און דיין אייזעל", וואָרים אויב זיי וועלען נישט רוהען, וועט דעם מענשענס רוה זיין אַ געשטערטע.

אונזערע חכמים האָבען געמאַכט פון שבת די קרוין־מצוה פון אַלע מצוות. זיי האָבען זיך אַזוי באַגייסטערט פאַר דער הייליגקייט פון שבת און האָבען דעם טאָג אַזוי עקזאַלטירט, אַז שבת איז געוואָרען דער הויפּט־זייל פון אידישקייט. נישט נאָר האָבען זיי אויסגערעכענט אַלץ, וואָס אַ איד טאָר נישט טאָן אין שבת, כדי צו מאַכען דעם רוה־טאָג פאָלקאָם, נאָר זיי האָבען אויך באַזינגען דעם שבת. די קבלה'יסטען זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און דעם טאָג פּערזאָניפיצירט אַלס קעניגין, אַלס שבת מלכתא. שבת איז געוואָרען אין אידישען לעבען דער הויפּט קוואַל פון גייסטיגער יניקה פאַר דער גאַנצער וואָכעדיגער וואָך. אין דער אידישער דינים־וועלט איז אַ מחלל שבת אַן אָפּטריניגער פון אידישקייט און מען טאָר נישט עסען ביי איהם, אַפילו ווען ער

היט שטרענג כשרות. אזא איינער ווערט פאַררעכענט פאַר אַ מוסר, פאַר אַ משומד.

פונדעסטוועגען האָבען די חכמים ביי דעם אַלעם, נישט פאַר־געסען דעם הויפּט־פּרינציפּ פון אידישקייט: זיך אָפּצוהיטען פון מאַכען די אידישע דינים סטאַטיש, נאָר פאַרקערט, זיי זאָלען זיין און בלייבען איביג דינאַמיש, באַוועגלעך, צוגעפּאַסט צום לעבען. האָט מען געשאַפען אַ כלל, אַז „השבת מסורה לכם ואין אתם מסורים לשבת". דער שבת איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אייך און נישט איהר צום שבת. דאָס מיינט אַז מען האָט אָוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז שבת איז געשאַפען גע־וואָרען פאַר דעם מענשען, שבת איז געשאַפען געוואָרען פאַר זיין נוצען, פאַר זיין טובה וועגען, אַז ער זאָל האָבען אַ טאָג פון רוה. דעריבער דאַרף זיך דער שבת צופּאַסען צום מענש און נישט דער מענש צום שבת. צוליב דעם האָבען די חכמים אויך גע'פּסק'נט, אַז „פּקוח נפש דוחה שבת" — צו ראַטעווען אַ מענשען מעג מען מחלל זיין און נישט נאָר מעג מען, נאָר מען מוז. עס איז אַ מצוה מחלל שבת זיין, כדי צו ראַטעווען אַ מענ־שען. אין דעם זיין האָבען די חכמים אויך גע'פּסק'נט, אַז אויב עס איז קאַלט, מעג מען מאַכען אַ פייער, וואָרים „הכל חולים אצל צינה", אַלע הייסען קראַנק, ווען עס איז קאַלט.

הויפּטזאַכלעך איז אינטערעסאַנט דאָס, וואָס אונזערע חכמים האָבען קיינמאָל נישט פאַרגעסען דעם פּרינציפּ פון שבת, אַז ער איז אַ רוה־טאָג פאַר'ן מענשען. דעריבער איז דער דין, „המהלך בדרך ואינו יודע מתי הוא שבת", איינער וואָס געהט אין וועג און וויס נישט ווען עס איז שבת, זאָל ער אָפּצעהלען זעקס טעג און רוהען דעם זיבעטען. פון דעם געזעץ קען מען זעהן, אַז זיי האָבען ביי דעם גאַנצען הייליגען דעם שבת, נישט פאַרגעסען, אַז ווי גרויס די הייליגקייט פון שבת זאָל נישט זיין, איז ער אַלץ אַ טאָג פון רוה פאַר'ן מענש און נישט, אַז דער מענש איז אונטערגעוואָרפען אונטער איהם. דאָס ווייזט אויך, אַז זיי האָבען נישט געקוקט אויף דער ערשטער מאָטיווירונג פון שבת, ווייל גאָט האָט אין איהם גערוהט וואָרום אויב שבת

וואָלט געווען דורכאויס אַ באַשטימטער טאָג, ווען גאָט האָט גע־
רוהט, וואָלט דאָך נישט געקאָנט מעגלעך זיין אַז מען זאָל אָפּ־
צעהלען זעקס טעג און רוהען אין זיבעטען. דאָס איז אָבער יאָ
מעגלעך, ווען שבת איז אַ זכר פון יציאת מצרים. די פאַרבינדונג
מיט מצרים מיינט, אַז אַזוי ווי אין מצרים איז נישט געווען קיין
טאָג פון רוה, און מען האָט דאָרטען מיט די אידען געאַרבייט
כסדר, אָן אויפהער, שווערע אַרבייט, האָט מען איצט אָנגעזאָגט
די אידען, אַז זיי זאָלען האָבען אַ טאָג פון רוה. וואָס זאָל זיין יעדען
זיבעטען טאָג. זעקס טעג אַרבעטען און דעם זיבעטען רוהען.
דערמיט האָט מען געמאַכט שבת אַלס רוה־טאָג אין פּרינציפּ, אַלס
אַ דינאַמישען רוה־טאָג.

צוליב דעם האָבען די חכמים אויך געמאַכט פּאָר אַ געזעץ,
אַז אין דער צייט פון אַ מלחמה איז אַ מצוה צו פיהרען די מלחמה
אין שבת און האָבען אויסגעטייטשט דעם פּסוק „עד רדתה", אפילו
בשבת — דו זאָלסט קעמפען ביז דו וועסט איינבעמען די שטאָדט
אַפילו אין שבת.

דער הויפּט מאָטיוו ביי די אַלע געזעצען איז געווען ביי די
באַגרינדער פון אידישקייט, אַלס אַ פאָלקס־רעליגיע, דער מאָטיוו
פון „וחי בהם, ולא שימות בהם". ביי פיל געזעצען פון דער
תורה געפינען זיך די ווערטער „וחי בהם" און דו זאָלסט לעבען
מיט זיי, האָבען די חכמים געטייטשט: און נישט דו זאָלסט
ווערען טויט אין זיי און דורך זיי, דאָס מיינט, אַז דאָס אידישקייט
זאָל בלייבען אַ לעבעדיגע קראַפט, אַ זאַך פון האַרצען, פון געפיהל,
אַן ענין פאַר'ן מענשען און נישט קיין טויטער געגענשטאַנד. נישט
אַ דאָגמע — אַ סטאַטישע ערשיינונג, אַ פאַרגליווערטער געזעץ,
וואָס מען קען עס נישט ריהרען, און צו וועלכען מען מוז זיך
אונטערוואַרפען.

דער דריטער וועג פון אידישקייט איז ווי אַזוי צו לעבען
מיט מיט־מענשען. ווי אַזוי דער יחיד זאָל האַנדלען בנוגע אַ
יחיד, און ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען בנוגע אַ רבים און אויך, ווי
אַזוי אַן עדה זאָל זיך אויפפיהרען. מיר געפינען וועגען דעם אַזעל־
כע געזעצען, ווי: „צדק צדק תרדוף", דו זאָלסט זיך יאָגען נאָך

עהרלעכקייט. דו זאָלסט נישט האָבען קיין צוויי מאָסען. דו זאָלסט נישט באַרויבען דיין ברודער דורך נעמען גרויסע פּראָ־צענטען. דו זאָלסט נישט זאָגען פאַלש עדות אויף דיין פריינד. דו זאָלסט נישט גלוסטען אַלץ וואָס עס געהער צו דיין פריינד. דו זאָלסט ליב האָבען דעם פרעמדען, און אַזוי ווייטער אַלע אַנ־דערע געזעצען וואָס עס זיינען שייך צווישען איין מענש און אַן אַנדערען. אין דער גרופּע פון געזעצען געהען אַריין אויך די, וואָס זיינען שייך צום לעבען פון אַן עדה. און אין זיי געהט אויך אריין די ימים טובים, וועלכע זיינען אַלע מאָל געווען ביי אידען, פאָלקס־פאַרוויילונגען.

אָבער די אַלע געזעצען זיינען נישט געקומען צו די אידען מיט אַ מאָל. עס איז געשעהן דורך אַ פּראָצעס פון עוואָלוציע. דער דינאַמישער כאַראַקטער פון דער אידישער געזעצגעבונג, דער גאַנצער בוי פון אידישקייט און די עלאַסטישקייט פון די געזעצען האָבען מעגלעך געמאַכט אַזאַ עוואָלוציע, ווי מיר וועלען עס זעהן ווייטער.

3. דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אידישקייט

מיר האָבען פריהער גערעדט וועגען דער עוואָלוציע, וואָס דאָס אידישקייט האָט דורכגעמאַכט. די עוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען באַלד מיט'ן אָנהויב פון אידישקייט און האָט אָנגעהאַלטען ביז צו דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה, בעת דעם חורבן בית שני.

די עוואָלוציע איז צייטענווייז געווען אַ רעוואָלוציע אויף אַ פרידלעכען אופן. קיין בלוט איז דערביי נישט פאַרגאָסען געוואָרען. אמת, עס זיינען פאָרגעקומען קאַמפען צווישען די ליבעראַל־דענקענדע און די דאָגמאַטיקער, אָבער אויך די קאַמפען זיינען נישט געווען מיט קיין שווערדען און ביקסען, נאָר אין בית המדרש און אין די ישיבות.

מען דאַרף פאַרשטעהן, אַז די אידישע רעליגיע, האָט אויך מיטגעמאַכט דעם זעלבען אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, ווי אַנדערע רעליגיעס אין יענער צייט. דער אורשפּרונג פון דער אידישער רעליגיע ליגט אין דער געצענדינערישער עפּאָכע.

בתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו. אין אָנהויב זיינען אונזערע אור־עלטערען געווען געצען־דינער, ביז זיי זיינען געקומען צו דער דערקענונג פון אַ העכערען גאָט, אַ גאָט אין הימעל, אַן איינציגען גאָט. אַ גאָט וואָס איז נישט קיין גוף און אַ גאָט וואָס איז דער מקור פון אַלעם און איז איבער אַלעם.

צו קומען צו אַזעלכע הויכע פילאָזאָפישע באַגריפען וועגען דער גאָטהייט נעמט צייט. די אידען זיינען דערצו נישט געקומען מיט אַ מאָל, נאָר אין אַ משך פון דורות. אָבער אין יענער צייט, איידער זיי זיינען געקומען צו דער העכערער דערקענונג

פון גאָט, ווען זיי זיינען נאָך געווען געצען־דינער, האָבען זיי אויך געהאַט אין אַ געוויסער מאָס אַן אָרגאַניזירט לעבען און אויך געוויסע געזעצען. שטאַם־געזעצען. עס איז נאָך קיין אי־דיש פאָלק נישט געווען. עס זיינען אָבער געווען אידישע שטאַמען, און יעדער שטאַם האָט געהאַט זיינע געזעצען. אָבער עס זיינען געווען אַזעלכע געזעצען וואָס זיינען געווען אַנערקענט ביי אַלע שטאַמען.

די אור־ליניע פון די אידישע שטאַמען האָט געהאַט פיער מאָטיווען: דער ערשטער איז געווען דער געשלעכטלעכער מאָ־טיוו. דער אור־מענש האָט געזעהן אין געשלעכטס־לעבען דעם ערשטען גרונד פאַר זיין גאָטעס דינסט. דאָס לעבען פון אור־מענש איז געווען זעהר שווער. ער האָט געדאַרפט געהן אויף געיעג. כדי צו האָבען נאַהרונג. די ערד איז נאָך נישט געווען באַארבייט. די וועלט — ווילד. קיין שום כלים זיינען נאָך נישט געווען. צו האָבען פייער, האָט ער געמוזט קלאַפּען אַ שטיין אויף אַ שטיין. דאָס לעבען איז געווען פאַר איהם אַן אייביגער גע־ראַנגעל מיט דער נאַטור. דאָס לעבען האָט פאַר דעם ווילדען נישט געהאַט קיין שום דערפרעהענדעס. דאָס איינציגע ביסעל פרייד אין לעבען האָט ער געהאַט אין געשלעכטלעכען אויסלעבען זיך. דעריבער ווען דער ווילדער האָט זיך דערטראַכט צו אַ גאָט, אַן אָבער־האַר, וואָס קען איהם העלפען אין צייט פון נויט, האָט ער צו איהם געוואָלט מקריב זיין פון דעם בעסטען, וואָס ער האָט געהאַט, נעמלעך, געשלעכטס. דער איינציגער שטראַל פון פרייד אין זיין אָרימער עקזיסטענץ. דעריבער זעהען מיר ביי אַלע פרימיטיווע רעליגיעס דעם סעקס־קולט. דער דאָזיגער סעקס־קולט האָט שפּעטער אָנגענומען נאָך מער בולט'ע פאָרמען, און איז געוואָרען דער באַזיס פון יעדער רעליגיע, אַפילו פון די יעניגע, וואָס זיינען אויפגעקומען שוין פיל שפּעטער. אויך די אידישע שטאַמען האָבען געהאַט דעם סעקס מאָטיוו אין זייער רעליגיע, און מילה איז אָהן אַ ספק איינס פון די סימבאָלען אויף דעם געביט פון דעם מאָטיוו.

אַ צווייטער מאָטיוו איז געווען דער שטאַם מאָטיוו, אָפּצו־היטען דעם אָנלענקונג פון פאַרשטאַרבענע, פון די מיטגלידער

פון שטאַם. דאָס זעהען מיר אין מצוות יבום, וואָס מיר געפינען אין דער געשיכטע פון יהודה און תמר ; דער דריטער מאָטיוו איז געווען דער טייוועל־מאָטיוו, וואָס איז געווען איינס פון די מאָטיוון אין אַלע פרימיטיווע רעליגיעס. מיר געפינען באַווייזען דערויף אין דעם אויסדרוק „ולא יזבחו עוד לשעירים" — זיי זאָלען נישט מקריב זיין קיין קרבנות מעהר צו טייוולאָנים, וואָס ווייזט, אַז מען האָט אַזעלכע קרבנות יאָ מקריב געווען. אויך פאַר דער גאָטעס־דינסט פון יום כפור האָט מען שפּעטער איינגעאָרדענט צוויי שעירים, איינס פאַר יהוה און איינס פאַר עזאָזל (דעם טייוועל), ווייל עזאָזל איז געווען די אַלטע אינסטיטוציע, און עס איז איהר געווען שווער אָפּצושאַפען. דעריבער ווען מען האָט געוואָלט מאַכען אַ שעיר פאַר יהוה, האָט מען זיך פון עזאָזל נישט געקענט אָפּזאָגען ; דער פערטער מאָטיוו איז געווען די געזעצגעבונג וועגען שאָדענס אין לעבען פון שטאַם. פיעל פון די געזעצען האָבען געשטאַמט נאָך פון די צייטען פון האמוראבי (אַ באַבילאָנישער קעניג אין די צייטען פון אברהם אבינו), און זיינען שפּעטער אַריין אין „ואלה המשפטים" (אין „שמות"), זיי זיינען אָבער דאָרטען פיעל אויסגעבעסערט און מאָדערניזירט געוואָרען. די אַלטע שטאַם־געזעצען ווערען דערמאָנט אין תנ"ך מיט די ווערטער „לפנים בישראל" און אין תלמוד מיט די ווערטער „הלכות קדומות".

די תורה, ווי עס ווערען ביי אונז גערופען די פינף טיילען פון חומש (וועלכע זיינען לויט דער אידישער טראַדיציע געשריבען געוואָרען פון משה'ן), האָט אַ טייל פון די שטאַם־געזעצען אינקאָרפּאָרירט, אַנדערע ווידער האָט זי אַרויסגעלאָזט. מיר וועלען זיך דאָ נישט אַריינלאָזען אין אַ לאַנגער דיסקוסיע פון ביבעל־קריטיק, פעסטצושטעלען, ווען די פינף טיילען פון דער תורה זיינען געשריבען געוואָרען און דורך וועמען. מיר וועלען עס נישט טאָן צוליב צוויי טעמים. ערשטענס איז ביבעל־קריטיק איצט שוין אַ פּסול'ע הושענה, אַלץ וואָס זי האָט געפּרופט אויסצופּשט'לען וועגען דער צייט פון די דאָזיגע שאַפונגען, און אַפילו צו זאָגען גענויעס וועגען יעדען פסוק, ווען ער איז געשריבען געוואָרען, און עס זאָגאַר געבען אין קאָלירען (ווי די רעגען־בויגען

ביבעל פון הויפט און אַנדערע), איז איצט שוין באַנקראָט. די נייעסטע אויסגראָבונגען אין אַזיען האָבען דעם גרעסטען טייל פון זייערע השערות דיסקרעדיטירט. צווייטענס איז די גאַנצע ביבעל קריטיק געשאַפען געוואָרען פון דייטשע אַנטיסעמיטען, מיט דער פאָראויס־באַשטימטער כוונה, צו דיסקרעדיטירען די ביבעל וועלכע איז די קרוין־שאַפונג פון אידישען פאָלק. יעדענ־פאַלס פאַר אונזער פאַרשונג, איז עס פון קנאַפּער באַדייטונג, ווער און ווען אַ טייל פון חומש איז געשאַפען געוואָרען. וואָס איז וויכטיג איז, אַז „ואלה המשפטים" וואָס ענטהאַלט אַ סך פון די אַלטע געזעצען, איז אַ פיעל מילדערע אויסגאַבע פון די האַמוראַבי געזעצען. אין דער צייט ווען ביי פיעל פון די געזעצען אין האמוראבי'ס קאָדעקס, זיינען פאַרגעזעהן שווערע, האַרבע שטראָ־פען אַפילו פאַר קליינע פאַרברעכענס, זיינען די שטראָפען אין „ואלה המשפטים" זעהר מילדע, אַפילו פאַר שווערע פאַרברעכענס. מיר געפינען אויך אין חומש אַ רעפאָרם צום שטאַם־געזעץ וועגען יבום. דער רעפאָרם איז חליצה. דורך דער רעפאָרם קען אַ ברודער דורך דער צערעמאָניע פון חליצה, זיך באַפרייען פון נעמען זיין שוועגערין פאַר אַ ווייב, אויב ער וויל איהר נישט. דער חליצה אַקט איז אַ ריין משה'אישער. ער איז נישט געווען פריהער אין די שטאַם־געזעצען פון די שבטים. אויך דאָס איבער־בייטען די קרבנות פון טייוועל־דינסט צו יהוה־דינסט, איז געווען אַ גרויסער רעפאָרם פון משה'ן.

דאָך זיינען אין דער תורה געבליבען האַרבע געזעצען. עס זיינען אויך אַריין פיעל אַנדערע געזעצען וואָס האָבען געפאָדערט אַ פירוש און אַן אויסטייטשונג. זעהען מיר טאַקע, אַז די תנאים האָבען גע'דרשנ'ט דעם פסוק פון דער תורה וואָס זאָגט „לא תוסיפון ולא תגרעון", איר זאָלט נישט צולייגען און נישט אַראָפּ־נעמען פון די געזעצען, וואָס זיינען דאָ פאַרהאַן, אויף אַזאַ אופן, אַז צולייגען און אַראָפּנעמען טאָר מען טאַקע נישט, אָבער אויס־טייטשען מעג מען יאָ. און ביים אויסטייטשען האָבען זיי זיך ערלויבט צו געהן זעהר ווייט, אַפילו אַזוי ווייט, אַז פון די גע־זעצען איז כמעט גאָר נישט געוואָרען, אָדער עס איז אַרויסגע־קומען פון זיי גאָר עפּעס אַנדערש.

לאָמיר נעמען עטלעכע ביישפּילען:

אין דער תורה געפינען מיר, ווי געזאָגט, פיעל געזעצען, וועלכע זיינען זעהר הארב און האָבען נישט קיין זין אין מאָ־דערנעם לעבען. מיר וועלען דאָ דערמאָנען נאָר דריי, די פרשת נגעים, די פרשה פון בן סורר ומורה און די פרשה פון עיר הנדחת. די פרשה פון נגעים איז יענע פרשה, וואו עס רעדט זיך וועגען נגעי בית, נגעים וואָס באַווייזען זיך אין אַ הויז. די גאַנצע פרשה קלינגט זעהר מאָדנע פאַר אונזערע אויערען. עס רעדט דערפון, אויב עס וועט זיך באַווייזען אַ נגע, אַ פלעק אין דער וואַנד. עס ווערט דאָרטען גערעדט וועגען דעם, ווי גלייך די וואַנד וואָלט געווען אַ לעבעדיגע זאַך, וואו דער פלעק קאָן זיך פאַרגרעסערען אָדער פאַרקלענערען ווי, למשל, אַ פלעק אויף דעם מענשלעכען קערפּער. עס איז קלאָר, אַז די גאַנצע פרשה שטאַמט נאָך פון די אַמאָליגע געזעצען פון די שטאַמען און האָט צו טאָן מיט׳ן טיזועל־מאָטיוו. די באַווייזונג פון אַ פלעק אין דער וואַנד און זיין פאַרגרעסערונג איז באַקאַנט אַלס די אור־אַלטע מורא פון פרימיטיווען מענש פאַר׳ן טייוועל, וועלכער באַ־האַלט זיך אין אַ וואַנד. די פרשה איז אַריינגענומען געוואָרען אין דער נייער אידישער לעהרע פון תורת משה, זיכער צוליב דעם, וואָס די שטאַמען האָבען אין דעם שטאַרק געגלויבט און עס איז געווען שווער זיי דאָס אויסצוריידען. די איינציגע ענדערונג וואָס מען האָט דאָ געקאָנט מאַכען איז, אַז מען זאָל רופען דעם כהן און ער זאָל זאָגען וואָס צו טאָן.

די פרשה פון סורר ומורה, האָט אויך געהאָט איהר גרונד אין די אַלטע שטאַם־געזעצען און איז געווען אַ שטאַם־מאָטיוו. עס איז איינע פון יענע האַרבע האמוראַבי־אַרטיגע געזעצען. דער שטאַם האָט געפאָדערט די פאַרהערלעכונג פון די עלטערען. אַ אינגעל וואָס האָט נישט געוואָלט פאָלגען די עלטערען און האָט זיי ווידערגעשפעניגט, האָט דערמיט געבראָכען די דיסציפּלין פון שטאַם און אַלס אַ זעלכען האָט דער שטאַם געפאָדערט זיין באַזיי־טיגונג, זיין טויט.

די תנאים האָבען געמאַכט וועגען דער זאַך אַן אויספאָרשונג.

עס ווערט קודם פעסטגעשטעלט, וואָס עס הייסט אַ בן סורר ומורה. עס ווערט אָנגעגעבען, נאַטירלעך, אַלס אַ בכיונ'דיגע אויס־טייטשונג, אַז אויב אַן אינגעל טרינקט אויס אַ קוואַרט וויין און עסט אויף צוויי פונט פלייש, איז ער שוין אַ בן סורר ומורה. דאַן קומט נאַטירלעך די פראַגע: נו, און אַז ער האָט אויסגעטרונקען אַ קוואַרט וויין און אַז ער האָט אויפגעגעסען צוויי פונט פלייש, קומט איהם שוין דערפאַר צו טויטען? האָבען די תנאים גענומען טייטשען אַזוי די פסוקים, כדי צו מאַכען, אַז אַ בן סורר ומורה זאָל זיין אונמעגלעך. זיי האָבען אַזוי אַרום געמאַכט 26 שוועריג־קייטען, אָבער זיי האָבען זיך אַלץ נישט באַרוהיגט, ביז זיי האָבען געטייטשט דעם פסוק „ואינו שומע בקולנו", ער הערט זיך נישט צו צו אונזער קול. אַז דאָס מיינט צו זאָגען, אַז מען קאָן נישט מאַכען אַן אינגעל פאַר אַ בן סורר ומורה, סיידען פאָטער און מוטער זיינען גלייך אין אויסזעהן, אין וואוקס און אין דער שטים. אַ זאַך וואָס איז אונמעגלעך.

אויך די פרשה פון „עיר הנדחת" באַלאַנגט צו דער קאַטע־גאָריע. דער ענין עיר הנדחת איז אויך אַ שטאָם־געזעץ, און איז נאָר אַריינגענומען געוואָרען אין די נייע לעהרען פון תורת משה מיט אַן אויסטייטשונג, אַז דער מורד איז אין יהוה, אָבער עס איז אַלץ נאָך אַ צו האַרבע. אויב עמיצער ווערט אַ מסית ומדית און רעדט אָן די מענשען צו דינען פרעמדע געטער דאַרף מען איהם באַשטראָפען, אָבער לויט דעם געזעץ הייסט עס, אַז מען זאָל נישט בלויז איהם אומברייננגען, נאָר די גאַנצע שטאָדט. נאַ־טירלעך האָבען די אידען שפּעטער ווען זיי זיינען געוועזען אין ארץ־ישראל און געפיהרט אַ סאָציאַלען לעבען, איינגעזעהן, אַז דאָס איז אַן אַבסורד, און מען האָט באַשלאָסען עס אָפּצושאַפען. אָבער אָפּשאַפונג גלאָט אַזוי קען מען נישט, מוז מען עס טאָן דורך טיי־טשען פון פסוקים. האָט מען גע'דרשנ'ט דעם פסוק וואָס ווערט געזאָגט וועגען עיר הנדחת „ושרפת את כל העיר על אש" — דו זאָלסט פאַרברענען די גאַנצע שטאָדט אויפ'ן פייער, אַז די גאַנצע שטאָדט מיינט אַפילו הייליגקייטען ווי אַ מזוזה, און אַנ־דערע אַזעלכע הייליגקייטען. אָבער לויט'ן דין קען מען קיין כשר'ע הייליגקייטען נישט פאַרברענען און אַזוי ווי מען קען די

הייליגקייטען נישט פאַרברענען, ווערט די שטאָדט שוין אויך ניט פאַרברענט.

דעריבער האָט אַ תנא געזאָגט אַז „נגעי בית", „בן מורר ומורה" און „עיר הנדחת", לא היו ולא יהיו, זיינען נישט געווען און וועלען נישט זיין.

מיר וועלען ברייגנען נאָך אַ ביישפּיל פון דעם אופן, ווי אַזוי אונזערע חכמים האָבען אויסגעטייטשט פּסוקים, אַזוי, אַז די געזעצען זאָלען ווערען דינאַמיש. צוגעפּאַסט צום לעבען. נעמען מיר דעם פּסוק „לא יצא איש ממקומו ביום השבת", קיינער זאָל נישט אַרויסגעהן פון זיין אָרט אין טאָג פון שבת. אין אָנהויב האָט דאָס געזעץ געמיינט ווערטערלעך, דאָס וואָס עס זאָגט, אין פּשוט׳ן זין פון וואָרט. אין זיין שטרעבונג צו מאַכען דעם שבת פאַר אַ פאָלקאָמען טאָג פון רוה, האָט דער געזעצגעבער ערקלערט, אַז קיינער זאָל נישט אַרויסגעהן פון זיין אָרט אין טאָג פון שבת, כדי עס זאָל נישט קענען זיין קיין האַנדעל און קיין מלאָכה. די טרוקענע ווערטער פון געזעץ, דער אויסדרוק: „קיינער זאָל נישט אַרויסגעהן פון זיין אָרט אין טאָג פון שבת", האָט געמאַכט אַ טייל געלעהרטע צו טייטשען דעם אויסדרוק אין זיין ווערטערלעכען זין. ווען דאָס זאָל אַזוי בלייבען, וואָלט עס געמיינט, אַז שבת וואָלט געווען פאַר די אידען נישט אַ טאָג פון רוה, נאָר אַ טאָג פון פּיין און ליידען, צו מוזען זיין צוגעבונדען צו איין אָרט אַ גאַנצען טאָג פון שבת. זיינען געקומען די חכמים און האָבען גענומען טייטשען דאָס וואָרט „מקומו" זיין אָרט, אַז דאָס מיינט מען, זיינע ד׳ אַמות. איז געקומען אַ צווייטער און געטייטשט „מקומו זה ביתו", זיין הויז. איז אַ דריטער געגאַנגען נאָך ווייטער און געטייטשט „מקומו זהו חצרו" זיין הויף, און באַלד נאָך איינער וואָס האָט דעם באַגריף געמאַכט נאָך ברייטער און ערקלערט, אַז „מקומו זהו עירו" זיין שטאָדט. דאָס איז אַזוי געווען פאַר אַ צייט. אָבער ווען דאָס סאָציאַלע לעבען פון די אידען האָט זיך פאַרגרעסערט און די פאַר־שטעדט האָבען גענומען שפּילען אַ ראָלע אין לעבען פון דער שטאָדט און מען האָט געוואָלט געהן אין יענע ערטער צו באַזוכען פריינד, האָבען די חכמים אויסגעברייי־

טערט דעם תחום פון באַוועגונגען, פריהער מיט אלפים אמה לרוח אחד, 2000 איילען אין איין זייט פון שטאָדט, און שפּעטער מיט אלפים אמה לכל רוח, 2000 איילען אין יעדער זייט, און ווען מען האָט געוואָלט, אַז די תחומים זאָלען ווערען נאָך ברייטער, האָט מען געשאַפען דעם עירוב אויף נאָך 2000 איילען, און עס איז איצט אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז אין פיעל אידישע שטעדט אין פוילען און אין ליטע איז געווען אַן עירוב, אַ דאַנק וועלכען די אידען האָבען געמעגט טראָגען אין שבת, וואָס נאָר זיי האָבען געוואָלט.

אָט דאָס הייסט אַ דינאַמישע אידישקייט וואָס איז עלאַסטיש און באַוועגלעך און פּאַסט זיך צו, צו די געברויכען פון לעבען.

שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע טייטשען פון די האַרטע האמוראבי'שע געזעצען וואָס האָבען זיך אַריינגעשמוגעלט אין אידישקייט, ווי „עין תחת עין", אַן אויג פאַר אַן אויג, וואָס מען האָט געטייטשט: געלד, און אַנדערע אַזעלכע אויסטייטשונגען. צו די אויסטייטשונגען און תקנות געהערט אויך דער ענין פּרוזבול פאַר שמיטה, און פיעל אַנדערע אַזעלכע תקנות.

די חכמים האָבען דערויף געגעבען אַ כלל, „אולי נתנה תורה חתיכה לא היה לרגל עמידה" (ירושלמי, סנהדרין פ"ט). ווען די תורה וואָלט געווען איין שטיק, אַ סטאַטיש שטיק, אָן באַוועגונג, וואָלט קיינער נישט אויסגעהאַלטען. זיי האָבען אויך געזאָגט אַז „התורה נמשלה לנטיעה", די תורה איז גלייך צו אַ פלאַנץ, מה נטיעה פרה ורבה, אַזוי ווי אַ פלאַנץ מעהרט זיך און פרוכפּערט זיך, אַזוי אויך דברי התורה פרים ורבים, אַזוי מעהרען זיך און פּרוכפּערען זיך די דברי תורה, אין זייערע אויסטייטשונגען לויט דער צייט.

אַזוי אַרום, דורך אָט די אויסטייטשונגען איז מען געקומען ביז צום שורש פון אידישקייט. וואָס הילל האָט אָוועקגעשטעלט אויף אַ כלל: „מאי דסנאי לך, לחברך לא תעביד", וואָס דו ווילסט נישט, אַז מען זאָל דיר טאָן, זאָלסטו יענעם אויך נישט טאָן. דערביי האָט הילל ערקלערט, אַז דאָס איז דער הויפּט פון דער תורה און אַלץ איבעריגע איז נאָר פירושים.

אָבער אָט דער כלל איז געגעבען געוואָרען בנוגע אַלע ענינים פון דריטען דרך, בנוגע די האַנדלונגען פון אַ מענש צו אַ מענש. עס זיינען אויך געגעבען געוואָרען כללים בנוגע די ערשטע צוויי דרכים. בנוגע דעם ערשטען דרך, האָבען זיי גע־מאַכט אַ כלל וואָס הייסט „רחמנא לבא בעי", גאָט וויל דאָס האַרץ. דאָס וויכטיגסטע אין פאַרקער פון מענש צו גאָט איז דאָס האַרץ. דאָס פיהלען צו איהם. בנוגע דעם צווייטען וועג, דער וועג פון מענש צו זיך אַליין, האָבען מיר אַ כלל וואָס מיר האָבען שוין דערמאָנט פריהער. דער כלל איז, „וחי בהם ולא שימות בהם", דו זאָלסט לעבען דורך די געזעצען און נישט ווערען טויט דורך זיי.

אַזוי אַרום האָבען די חכמים געשאַפען דריי סלאָגאַנס פאַר די דריי וועגען, וואָס אידישקייט לערענט דעם אידען.

בנוגע דעם ערשטען וועג, וועגען פאַרקער פון מענש צו גאָט, האָבען מיר דעם סלאָגאַן: רחמנא לבא בעי.

בנוגע דעם צווייטען וועג, דער וועג פון מענש צו זיך אַליין, האָבען מיר דעם סלאָגאַן: וחי בהם ולא שימות בהם.

צום סוף, בנוגע דעם דריטען וועג, דעם וועג פון איין יחיד צום אַנדערען און פון יחיד צום רבים, האָבען מיר דעם הילל'שען סלאָגאַן: מאי דסנאי לך, לחברך לא תעביד.

4. די פילאָזאָפיע פון אידישקייט

ווען אַ מענש איז יונג, ווען ער איז נאָך אַ קינד, גלויבט ער אין אַלעם וואָס מען זאָגט איהם. ער איז נאַאיוו. אַלץ איז פאַר איהם ניי. און ער נעהמט אויף אַלץ וואָס מען זאָגט איהם, אָן שום פראַגען, מיט אַ הייליגען גלויבען.

אָבער, ווען ער ווערט עלטער, ווען ער הויבט אָן צו ווערען רייף, הויבען אָן ספקות צו קומען אין זיין קאָפּ אריין, און ער פרעגט קשיות. אויך אין זיין קינדהייט פרעגט דער מענש קשיות, אָבער עס זיינען אַנדערש די קשיות פון דער יוגענד פון די קשיות פון דער קינד־פעריאָדע. בשעת אַ מענש איז אַ קינד, פרעגט ער: „וואָס איז דאָס אַזוינס?" אַנדערש איז אָבער ווען דאָס קינד ווערט עלטער, ווען עס דערגרייכט די יוגענד עפּאָכע, דעמאָלט פרעגט ער: „פאַר וואָס איז עס אַזוי?"

אַ פאָלק ווען עס איז יונג, איז אַזוי ווי אַ קינד. דאָס אידישע פאָלק האָט אויך געהאַט זיין קינדהייט עפּאָכע און זיין יוגענד עפּאָכע. אַלס קינד האָט דאָס פאָלק אין אַלעם געגלויבט, אָבער ווען עס איז געוואָרען עלטער און רייפער האָט עס גענומען פרעגען קשיות — די קשיות פון „פאַר וואָס?"

די טיפּישסטע קשיות פאַר דער יוגענד איז די, „פאַר וואָס" קשיה, וואָס וואַרפט זיך איהם אין די אויגען: „פאַר וואָס האָבען זעהר פיעל שלעכטע מענשען אַלדאָס גוטס און אַנדערע גוטע מענשען הונגערען און האָבען גאָר נישט? די קשיה ווערט נאָך ביי אַ פאָלק שטאַרקער. אַ פאָלק וואָס גלויבט, אַז אַלץ ווערט גע־פיהרט פון הימעל און אַז עס איז דאָ שכר ועונש, אַ באַלוינונג

און אַ שטראָף אויף דער וועלט; אַ פאָלק וואָס גלויבט, אַז דער וואָס טוט גוטס, טוט דאָס גוטע אין די אויגען פון גאָט און דער וואָס טוט שלעכטס, איז אַ ווידערשפעניגער און טוט דאָס וואָס גאָט האָט דעם מענשען נישט געהייסען טאָן, אַזאַ פאָלק, ווען עס ווערט רייף, מוז פרעגען די אַלטע קשיה פון „רשע וטוב לו, צדיק ורע לו". פאַר וואָס איז דעם רשע גוט און דעם צדיק שלעכט?

דאָס אידישע פאָלק האָט אויך אין אָנהויב פון זיין רייפקייט גענומען פרעגען די קשיות. קהלת איז אַ בוך, וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט'ן צוועק צו ענטפערען אויף די קשיות. כאָטש קהלת'ס ענטפער איז אַן ענטפער פון פאַרצווייפלונג און האָט אין זיך דעם אונטער־טאָן פון נישט גלויבען, אַז עס איז דאָ אַ בעסערע מערכה פאַר'ן צדיק ווי פאַר'ן רשע, אָבער דאָך אין גרונד פרובירט ער ענטפערען די קשיות. אַן אַנדער ספר וועגען דער פראַגע, איז דאָס בוך איוב וועלכעס ברענגט אין אָנהויב אַ געשיכטע, וועלכעס שטעלט פאַר אונז פאַר, דעם אונרעכט וואָס עס געשעט צום צדיק און שפעטער זעהען מיר ווי איוב'ס דריי פריינד דיסקוטירען די גאַנצע פראַגע, אין אַ גאַנצער רייהע פון טענות, און דער סוף איז אַ גערעכטפערטיגונג פאַר גאָט, אַז מיר ווייסען נישט זיינע מעשים און מיר קאָנען נישט פאַרשטעהן פאַר וואָס ער האַנדעלט בנוגע איינעם אַזוי און בנוגע אַן אַנדערען — אַנדערש. עס איז אויך דאָ אַזעלכע חקירה'ערייען אין איניגע קאַפיטלען פון תהלים. עס איז אויך קיין צווייפעל נישט, אַז דער גאַנצער געדאַנק פון שכר ועונש אויף יענער וועלט, איז גע־קומען דעמאָלט, ווען דאָס פאָלק האָט שטאַרק גענומען צווייפלען אין דער גערעכטיגקייט און פרעגען אָט־די קשיות. אונזערע חכמים פון יענער צייט האָבען זיך געזעהן פאַרפליכטעט, איבער־צוטראָגען די גאַנצע אידעע פון שכר ועונש אויף נאָך דעם טויט, אויף אַן אַנדערער בעסערער וועלט, כדי דערמיט צו באַרוהיגען דאָס געמיט פון די גרויסע מאַסען...

עס איז אויך קיין ספק נישט, אַז די גרויסע אידישע מאַסען, וועלכע האָבען געפרעגט די פראַגען, האָבען נישט פאַרשטאַנען

די טיפע לעהרע פון אידישקייט, ווייל דאָס פאָלק איז נישט פעהיג פאַר פילאָזאָפיעס. דער פאָלקס־מענש איז נישט געווען פעהיג אויפצונעמען די ערשטע ריכטונג פון אידישקייט, וואָס עס איז, דער וועג צווישען מענש און גאָט. דער פאָלקס־מענש איז אויך נישט געווען גענוג רייף צו פאַרשטעהן די דריטע ריכטונג, וואָס עס איז, דער וועג פון מענש צום מענש. דער פאָלקס־מענש וועל־כער ווערט אין תלמוד באַצייכענט אַלס „עם הארץ" האָט געהאָט אַ טענדענץ צו מאַכען פון אידישקייט אַ סטאַטישע ערשיינונג, צוליב זיין אונפעהיגקייט צו זעהן פאַר זיך ווייטע האָריזאָנטען. ער האָט דערפאַר פאַרשטיינערט דאָס אידישקייט. קעגען אָט־די עם־הארצים, האָבען געקעמפט פריהער די נביאים, וועלכע האָבען אויף זיי געזאָגט, אַז זיי טוען אַלץ מעכאַניש „מצוות אנשים מלומדה" אויסגעלערענטע זאַכען, און שפּעטער אויך די תנאים און אמוראים, וועלכע האָבען גערעדט מיט כעס און אויפרעגונג, וועגען די עם־הארצים, אַזוי ווייט, אַז איין אמורא האָט זיך אויסגעדריקט, אַז מען דאַרף אַן עם הארץ צורייסען ווי אַ הערינג. אָט־די פאָלקס־מענשען זיינען עס שטענדיג געווען די יעניגע, וועלכע האָבען פאַרהאַרטעוועט דאָס אידישקייט און פון איהר געמאַכט אַ פאַר־שטיינערטע רעליגיע, אַן אמונה פון דאָגמעס, אַ זאַך וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין און וואָס זי איז אין איהר עיקר ווּעזען געגען דעם.

געהען מיר ווייטער מיט'ן גאַנג פון דער אידישער געשיכטע זעהען מיר, אַז נאָך דער עוואָלוציע פעריאָדע פון דער צייט פון צווייטען בית המקדש, איז געווען אַ סטאַגנאַציע אין אידישען לעבען, וואָס האָט אָנגעהאַלטען הונדערטער יאָהרען. דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען רעוואָלטען מצד די יעניגע, וואָס האָבען פאַר־שטאַנען אידישקייט אַלס אַ דינאַמישען כח, אָבער זיי זיינען באַ־זיגט געוואָרען פון די דאָגמאַטיסטען, וועלכע האָבען גע'דרשנ'ט יעדען „קוצו של יוד" און געמאַכט פון אידישקייט אַ טויט גע־זעצען־בוך. שפּעטער איז ווידער געקומען צו אַן אויפלעבונג פון אידישקייט אין דער צייט פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניען, אָבער די עפּאָכע איז געווען אַ צו קורצע, אַז זי זאָל קאָנען האָבען געמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע אין אידישקייט. זייט דאַן האָבען

מיר ווידער געהאַט קלענערע און גרעסערע רעוואָלוציעס ביז לעצ־טענס מיט דער ערשיינונג פון חסידיזם, וועלכע האָט געמאַכט אויף איהר אופן אַ שטאַרקע איבערקערעניש אין אידישען פאָלקס־לעבען, דערמיט וואָס חסידיזם האָט אָנערקענט אידישקייט אַלס אַ דינאַמישען כח און האָט געשטרעבט צו ברייגנען צוריק איהר פאַרלוירענעם תוך. אָבער אויך חסידיזם איז נישט באַשערט געוועזן אַ לאַנג לעבען, ווייל די דאָזיגע באַוועגונג, כדי זיך צו־פאַסען צום פאָלק, האָט שלום געמאַכט מיט דאָגמאַטישקייט און האָט דערמיט פאַרלוירען איהר שוואונג און די מעגלעכקייט צו באַגייסטערען דעם אידישען מענשען און איז איצט אַ טייל פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע. צוזאַמען מיט דעם חסידיזם זיינען געקומען די רעפאָרמער, וועלכע האָבען נאָך מעהר קאָנסערווירט דאָס אידענטום. עס איז דאָ נאָך אַ גרופּע, וואָס איז האַלב־אָרטאָדאָקסיש און האַלב־רעפאָרם, דאָס זיינען די קאָנסערוואַ־טאָרען. דער רעזולטאַט איז, אַז מיר האָבען איצט אין דער אי־דישער גאַס דריי לאַגערען פון סטאַטישער אידישקייט: די אָר־טאָדאָקסען, די רעפאָרמער און די קאָנסערוואַטאָרען. אין די אַלע דריי לאַגערען געפינט דער מאָדערנער איד גאָר נישט פאַר זיך.

דער מאָדערנער איד מוז איצט דעריבער מאַכען אַ נייעם רעוואָלט. ער מוז צוריק שאַפען פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער אַ נייע אידישקייט, אַ אידישקייט פון האַרצען, אַ אידישקייט פול מיט נשמה, מיט לעבען, מיט געפיהל און באַגייסטערונג. נאָר אַזאַ אידישקייט, וואָס איז דאָס אמת'ע אידישקייט, וועט זיין אימשטאַנד צו געבען אַ נייעם לעבענס אינהאַלט פאַר אונזער פון אידעאַלען אַנטוישטער, גאָט־זוכענדער אידישער יוגענד. אָבער דערצו דאַרף זיך דער יונגער איד, דער מאָדערנער איד, באַקענען מיט דער פילאָזאָפיע פון אידישקייט.

אָבער וואָס איז אַזוינס די פילאָזאָפיע פון אידישקייט?

די פילאָזאָפיע פון אידישקייט איז אַ לעבענס־פילאָזאָפיע. זי איז גאַנץ אַנדערש פון דער גריכישער און די אַנדערע פילאָ־זאָפיעס דערמיט, וואָס זי גריבעלט זיך נישט אין דער אַנטשטעהונג פון די ערשיינונגען, נאָר אָנערקענט זיי אַלס פאַקט און טראַכט.

ווי אַזוי זיי אויסצוניצען לטובת דעם מענשען. די גריכען האָבען גע'חקר'נט וועגען דער גאָטהייט און דערפאַר נישט געהאַט קיין גאָט און ממילא נישט קיין בענקשאַפט צו גאָטהייט. די אידען האָבען דעם גאַנצען טייל פון דער חקירה פאַרוואָרפען. זיי האָבען אַנגעזאָגט נישט צו פרעגען „מה למעלה ומה למטה?" — וואָס איז אויבען און וואָס איז אונטען. זיי האָבען אָנגענומען די גאָטהייט אַלס דאָס העכסטע אין דער וועלט און אויפגעהויבען הויך דאָס שטרעבען צו דער געטליכקייט. דערמיט האָבען זיי איבערגעיאָגט די גריכען. די גריכען זיינען געווען טרוקענע מוחות בעת די אידען זיינען געווען פּאָעטישע דענקער, און פיין־פיהלענדע זינגער, און דערפאַר האָט נאָר ביי אידען געקאָנט גע־שאַפען ווערען אַזאַ וועלט בוך פאַר אינערלאַכער היילונג ווי „תהלים", ווען פון די גריכען איז געבליבען נאָר טויטע חקירות, וואָס זאָגען גאָר נישט.

דעריבער זעהען מיר, אַז אידישקייט האָט איינגענומען די וועלט. אידישקייט איז געוואָרען די מוטער פון אַלע רעליגיעס אין דער ציוויליזירטער וועלט. וואָרום וואָס איז קריסטישקייט, אויב נישט אַ שלעכטע קאָפּיע פון אידישקייט. אידישקייט מיט אַ צומישונג פון געצענדינסט. אָבער דאָס בעסטע אין קריסטישקייט איז דאָך דער אידישער טייל. סיי אין די פּרינציפּען וועגען געט־ליכקייט און סיי אין די פּרינציפּען פון עטיק. דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערען וועגען מאַכמאַדאַנישקייט. אויך מאַכמעד האָט גענומען פון אידישקייט און אויסגעבויט זיין רעליגיע. פריהער האָט ער גענומען זעהר פיעל, אָבער ווען די אידען האָבען איהם נישט געוואָלט אַנערקענען, האָט ער אַ געוויסען טייל פאַרוואָרפען. דאָך איז דאָס מאַכמאַדאַנישקייט אויך אַ שלעכטע נאָכמאַכונג פון אידישקייט, נאָר אויף אַן אַנדערען אופן.

אידישקייט האָט געוויזען דעם וועג, און אַנדערע האָבען איהר נאָכגעקרימט. אידישקייט האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מענש דאַרף האָבען אַ הויכקייט פאַר זיינע אויגען צו וואָס אַרויפצוקוקען; אַ הימעל, צו וועלכען צו פאַררייסען דעם קאָפּ מיט בענקשאַפט; אַ גאָט וואָס זאָל זיין דאָס פאַרהוילענסטע פון אַלע פאַרהוילענע. דאָס העכסטע פון אַלעם העכסטען, דאָס פאַלקאָמענסטע פון אַלעם

פאָלקאָמענעם און דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבען. צו וועלכען מען זאָל שטרעבען איהם צו פאַרשטעהן, און בענקען איהם צו דערגרייכען.

דער איד האָט דעריבער פאַר זיך אַ ציעל, וואָס איז אַ קוואַל פון דערהויבונג. די דאָזיגע שטרעבונג איז אויסגעדריקט געוואָרען אין פיעל ערטער פון אונזער תנ"ך און איבערהויפּט אין „תהלים" און אין אַ טייל פון אונזערע תפלות.

די שטייגונג, די עלית נשמה, טוט געבען דעם איד פליגעל. עקסטאַז, באַגייסטערונג, התלהבות, דערהויבונג. זי טוט איהם ברענגען צו פיהלען די נאָהענטקייט פון דער געטליכקייט. זי מאַכט צו זינגען זיין נשמה און טוט אָנפילען איהם מיט די טיפסטע הימלישע געזאַנגען. דאָס איז דער טייל פון אידישקייט, וואָס טוט דערהויבען דעם מענש און טוט איהם געבען אַ גרויסען גייסטיגען אינהאַלט אין לעבען.

דער צווייטער טייל פון דער פילאָזאָפיע וויל האָבען, אַז ווען דער איד איז אויף דער ערד, זאָל ער זיין אין גאַנצען אויף דער ערד. מיטביידע פיס, און ער זאָל האָבען הנאה פון אַלעם ערדישען, ווייל עס איז דאָ געטליכקייט אין דעם אויך, ווייל גאָט האָט געשאַפען דעם הימעל און די ערד. דער הימעל איז פאַר גאָט און די ערד פאַר די מענשען. ווען דער מענש איז אויף דער ערד זאָל ער הנאה האָבען פון אַלעם דעם, וואָס איז דאָ אויף איהר. ער זאָל זיין דער האַר פון ערדישען. ער זאָל הערשען איבער אַלעם און געניסען פון אַלעם און עס זאָל איהם זיין גוט און וואויל. דער מענש זאָל קודם כל אָפּהיטען זיין געזונד, דאַן זאָל ער זיך פיהרען אַזוי צו געהן אין גאָלדענעם וועג, וואָס איז דער מיטעלער וועג. ער זאָל אין זיינע פאַרגעניגענס נישט זיין עקסטרים, ווייל עקסטרימיטעט שטערט שוין די הנאה פון לעבען. ער בויגט דעם מענש אין איין זייט, רעכטס אָדער לינקס, און דער מענש פאַרלירט זיין גלייכגעוויכט. אָבער דער מענש וואָס וועט וועלען האָבען הנאה פון דער וועלט, וועט נישט וועלען, אַז אַנדערע זאָלען איהם טאָן שלעכטס, און דאָ קומען מיר צום דריטען וועג, צו זיין באַציהונג צום מיט-מענש.

ער ווערט דעריבער געוואָרענט, אַז אויב ער וויל נישט קיין שלעכט פון אַנדערע, מוז ער זיך באַמיהען נישט צו טאָן קיין שלעכטס קיינעם. וואָס ער האָט פיינט, אַז מען זאָל עס איהם טאָן, זאָל ער צו אַנדערע נישט טאָן. אַזוי אַרום ווערט געשאַפען ווערען ביי איהם אַ באַציהונג פון אמת, יושר און גערעכטיגקייט צו זיין מיט־מענש און מיט־ברודער.

דאָס איז עטיק. אידישקייט האָט די ערשטע געלערענט די אידען עטיק. אַ געזונטע עטיק. אַן עטיק וואָס איז אויסגע־האַלטען אין לעבען. נישט קיין עגאָאיסטישע עטיק, וואו דער מענש זוכט נאָר זיין נוצען אין דער געזעלשאַפט, און אויך נישט קיין „וצדקתך"־קריסטליכע עטיק, פון אויסשטרעקען די אַנדערע באַק, אַ זאַך וואָס איז נישט אויסגעהאַלטען אין לעבען. די אידישע עטיק האָט פעסטגעשטעלט פרינציפען און פאָרמען, וואָס זיינען גענומען פון לעבען און וועלכע רעגולירען די באַציהונגען פון מענשען איינער צום אַנדערען, אויף אַזאַ אופן, אַז דער מענש זאָל נישט זיין קיין עגאָאיסט אָדער אַ היפּאָקריט, אָבער ער זאָל אויך דורך דער געזעלשאַפט נישט ענטוויקלען אין זיך די שפלות־געפהיל. די אידישע עטיק איז די ערשטע אויף דעם געביט אין דער וועלט, אַלע אַנדערע פעלקער האָבען גענומען פון אונז. אָבער נישט אַלע האָבען פארשטאַנען וואָס צו נעהמען און ווי אַזוי עס אַנצואווענדען אין לעבען.

דערצו קומט די שטרעבונג פון די נביאים, צו אַ מאָרגען ווען אַלע פעלקער וועלען אַנערקענען די געטליכקייט און וועלען שטרעבען צו דעם וויסען פון גאָט; אַ מאָרגען ווען אַלע פעלקער וועלען צוברעכען זייערע שווערדען און מאַכען פון זיי אַקער־אייזענס; אַ מאָרגען ווען עס וועט הערשען אַ גרויסע האַרמאָניע צווישען די פעלקער און צווישען אַלע מענשען.

אין קורצען איז עס אַ פילאָזאָפיע פון בענקשאַפט צו גאָט, ביז צו עקסטאַז; אַ טיפער געפיהל פאַר אַ געזונד נאָרמאַל לעבען און אַן עסטעטישען בליק אויף דער וועלט; און אַ פאַרבען־רייכער פאָרמולע פון עטיק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, די הויפּט־פונ־דאַמענטען פון אַ ציוויליזירטען צוזאַמענלעבען פון די מענשען, מיט דער האָפנונג אויף בעסערע משיח־צייטען.

5. קאָנען נישט־גלויביגע צוריק אָנהויבען גלויבען ?

איצט זעה איך ווי עמיצער פון די מאָדערנע שטעלט זיך אויף און לייגט אַוועק אַזאַ קשיא :

— דאָס אַלץ וואָס איהר האָט דאָ געזאָגט, איז גוט פאַר די וואָס גלויבען אין גאָט. וואָס האָט אָבער אידישקייט פאַר די וואָס גלויבען נישט אין גאָט ? און בכלל צי קענען דען די וואָס גלויבען נישט אין גאָט, צוריק אָנהויבען צו גלויבען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט ?

מיין פריינד, אויף אייער פראַגע האָב איך געוואַרט, און איך וויל טאַקע וועגען דעם ריידען, זיך מיט אייך אַביסעל אויס־שמועסען.

— מיין פריינד, אויב איהר זענט אַן עהרליכער מענש, איך מיין הויפּטזעכליך עהרליך צו זיך אַליין ; אויב איהר טראַכט און דענקט און זוכט עפּעס אין לעבען ; אויב אייך האָבען וועגען נישט איז געמאַטערט די קאַרדינאַלע פראַגען וועגען גאַנצען באַשאַף, ווי, וואָס איז די וועלט ? וואָס איז לעבען ? וואָס איז טויט ? וואָס איז נשמה ? פון וואַנען קומען מיר און וואוהין געהען מיר ? וואָס איז דער צוועק פון גאַנצען „זיין" ? און וואָס איז „נישט זיין" ? אויב איהר האָט זיך ווען אַ מאָל, אין אייערע יוגענד יאָהרען, צי שפּעטער, פאַרטראַכט וועגען די פראַגען : ווען איז געווען דער אָנהויב פון אַלעם ? און וואָס איז אַזוינס געווען ? איז דאָס אַלץ געשעהן דורך אַ בלינדען צופאַל, אָדער עס איז געווען אַ קראַפט, וואָס האָט דאָס אַלץ

געשאפען? — אויב איך האט ווען נישט איז געמאַטערט אַט דער גאַנצער קאַמפּלעט פון פראַגען, וואָס האָט איהר געטאָן?

איך שטעל זיך פאָר, אַז איהר האָט געטאָן דאָס וואָס איך און אַנדערע. איהר זענט אַוועק צו די ביכער צו זוכען דאָרטען די לעזונג צו די פראַגען. איהר זענט אַוועק צו די ביכער וואָס פאַרנעמען זיך מיט די ענינים, צו די פילאָזאָפישע ביכער. האָט איהר דאָרטען געפונען אַן ענטפער?

איך ווייס, אַז נישט, ווייל אויך איך און אַלע אונזערע פריינד וואָס זיינען אַוועק זוכען אין די ביכער, האָבען דעם ענטפער נישט געפונען.

נו, לאָמיר מאַכען אַ לייכטען, אויבען־אָויפיגען שפּאַציר־גאַנג איבער די ביכער. לאָמיר אָנהויבען מיט די פילאָזאָפישע ביכער פון די גריכען און געהן כסדר איבער אַלע אַנדערע פילאָזאָפישע ביכער ביז׳ן היינטיגען טאָג. אַזאַ שניידיגען דורכ־גאַנג. וואָס געפינען מיר אין די ביכער?

מיר דאַרפען זיי איינטיילען אין דריי טיילען: 1) די גריי־כישע פילאָזאָפען; 2) די רענעסאַנס פילאָזאָפען, און 3) די פּי־לאָזאָפען פון דער היינטיגער צייט.

די גריכישע פילאָזאָפען זיינען געווען גרויס דערמיט וואָס זיי האָבען געהאַט דעם מוט צו פרעגען. זייער גרויסקייט ליגט אין זייערע פראַגען. זייערע ענטפערס זיינען פון קלענערען באַדייטונג, די הויפּט שטאַרקייט און גרויסקייט איז אין דעם אופן, ווי אַזוי זיי האָבען געפרעגט.

זיבען פראַגען האָבען זיי געפרעגט.

טהאַלעס, דער ערשטער פון די פילאָזאָפען, דער באַגרינדער פון דער יאָנישער שולע, האָט געפרעגט: ווער האָט באַשאַפען די וועלט?

נאָך איהר איז געקומען הערַאקליט און געפרעגט: ווען איז געווען דער אָנהויב פון באַוועגונג?

נאָך איהר סאָקראַטעס, וועלכער האָט געפרעגט: ווען איז געבוירען געוואָרען דאָס פיהלען?

פלאַטאָ האָט געפרעגט: וואָס איז אַזוינס ווילענס פרייהייט? און איז בכלל דאָ אַזעלכעס?

נאָך איהם אַריסטאָטלעס, האָט געפרעגט: ווען איז געווען דער אָנהויב פון לעבען?

דאַן זינאָ און די סטאָאיקער: וואָס איז דער צוועק פון לעבען?

און דערנאָך דער לעצטער פון די פרעגער, עפיקור: ווען איז ענטשטאַנען דאָס דענקען, און וואָס איז עס?

און די פראַגען זיינען געבליבען הענגען אין דער לופט, אונפאַרענטפערט... אזוי, אַ לאַנגע צייט...

אין אַ פיל שפּעטערער צייט, אין דער רענעסאַנס עפּאָכע זיינען געקומען אַנדערע, דעקאַרט, שפּינאָזאַ, לייבניץ, קאַנט און העגעל און געפרובט צו ענטפערען אויף די פראַגען.

האָבען זיי געענטפערט?

ניין, זיי האָבען בלויז געוואַגט. זיי האָבען געהאַט בלויז דעם מוט צו וועלען ענטפערען. די ענטפערס אַליין זיינען ניט קיין ענטפערס. דאָס זיינען מעהר וועניגער קונציגע חקירות. פּשט'ל־דיגע פאַרדרעהענישען. פייערווערק פאַר'ן אויג. אָבער זיי האָבען געהאַט מוט צו וועלען ענטפערען.

נאָך זיי, זיינען געקומען, די פון דער דריטער עפּאָכע, פון אויגוסט קאָנט, ביז איינשטיין. זיי האָבען גאָר אַן אַנדער פאַר־דינסט, אַ פיעל גרעסערען ווי אַלע פריהערדיגע. זיי האָבען געהאַט דעם מוט זיך מודה צו זיין, אַז זיי ווייסען נישט דעם ענטפער.

זיי האָבען געזאָגט: מיר קאָנען געהן ביז צו אַ וואַנד, קומט מען אהין, קען מען ווייטער נישט געהן. דאָרט ענדיגט זיך אונזער פאָרשונגס־מאַרש. יאָ, מיר קומען צו צו אַ

וואַנד, און אפשר איז עס נישט אַ וואַנד, עס איז גאָר אַ נעפּעל, און אפשר איז עס גאָר אַ נעפּעל אויך נישט. עס איז אונזער אונוויסען. יעדענפאַלס, מיר קאָנען געהן אַזוי ווייט און נישט ווייטער. מיר ווייסען שוין איצט, אַז עס איז געווען אַ פּראָצעס פון עוואָלוציע, אָבער וואָס איז געווען פריהער, פאַר דער עוואָלוציע, פיעל פריהער, פאַר'ן ערשטען אַטאָם — דאָס ווייסען מיר נישט; מיר האָבען אַנטקעגען די פיער עלעמענטען, פון וועלכע מען האָט געוואוסט אַ מאָל, שוין איצט אַ וויסענשאַפט וועגען צוויי און ניינציג עלעמענטען, און מיר האָבען נאָך אַפילו אַן אויסזיכט צו ענטדעקען נאָך עלעמענטען פון וועלכע מען ווייסט נאָך נישט, אָבער וואָס די עלעמענטען זיינען האָבען מיר נישט קיין אַהנונג; מיר האָבען שוין ענטדעקט די כחות פון עלעקטריציטעט, ראַדיום און פיעל אַנדערע זעהבאַרע און נישט-זעהבאַרע שטראַהלען, אָבער וואָס זיי זיינען דאָס איז פאַר אונז פאַרהוילען. מיר קאָנען, הייסט עס, געהן מיט אונזער וויסען ביז אַ וואַנד, ביז צו אַ פאָרהאַנג, ביז צו אַ נעפּעל אָדער מיט אַנדערע ערטער, ביז צו דער גרעניץ פון אונזער וויסען, אָבער נישט ווייטער.

דעריבער שטעהען מיר נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג ביים סאַמע אָנהויב. דאָרטען וואו עס זיינען געשטאַנען די גריכישע דענקער און געפרעגט זייערע זיבען פראַגען:

1) ווען איז געווען דער אָנהויב פון באַשאַף?
2) ווען איז געווען דער אָנהויב פון מאַטעריע?
3) ווען איז געווען דער אָנהויב פון לעבען?
4) ווען איז געווען דער אָנהויב פון באַוועגונג?
5) ווען איז געווען דער אָנהויב פון פיהלען?
6) ווען איז געווען דער אָנהויב פון דענקען?
7) וואָס איז דער צוועק פון „זיין" און וואָס איז „נישט זיין"?

איינער פון דער נייער צייט, דו בוא ריימאָן, האָט זיך דעריבער נישט געשעמט צו זאָגען:

— איגנאראבימוס! מיר וועלען זיי קיינמאָל נישט וויסען!
מיר האָבען נאָר איין וועג, און דאָס איז צו ערקלערען, אַז דער אָנהויב פון אַלעם איז געקומען פון אַ העכערער קראַפט. אַ קראַפט וואָס רוהט דאָרטען, וואו אונזער וויסען ענדיגט זיך. וואו עס הויבט זיך אָן דער נעפּעל. אַ קראַפט, וואָס איז צו גרויס, צו שטאַרק און צו מעכטיג אויפגענומען צו ווערען דורך אונזערע באַגרענעצטע חושים, און וועלכע איז אַזוי מאַיעסטעטיש, אַזוי גיגאַנטיש, אַז אונזער שכל האָט צו איהר גאָר קיין צוטריט נישט.
אָט די קראַפט קענט איהר אָנרופען, ווי אַזוי איהר ווילט, איהר קענט איהר אָנרופען „דאָס ערשטע זיין", „די ערשטע קראַפט", דער וואָס האָט געזאָגט, אַז אַלץ זאָל זיין און עס איז געשען", „גאָט", „נאַטור" און נאָך אַנדערע נעמען. עס איז אין תוך אַלץ איינס.

אָט דער ענטפער גיט אונז אַן ערקלערונג צו אַלע זיבען פראַגען, וואָס מאַטערען אונז, און וואָס אָהן אַן ענטפער אויף זיי, האָט אונזער גאַנצער זיין קיין זין נישט. דער ענטפער איז:

די גרויסע קראַפט וואָס איז געווען פאַר אַלעם און איז איבער אַלעם, האָט געשאַפען דאָס אַלץ.

דאָס מאַכט אונז פאַרשטענדליך די וועלט אין אַלע אַנ־הויבען. דער ענטפער גיט אַן ענטפער צו אַלע פראַגען וועגען דעם אָנהויב פון אַלע אָנהויבען.

אָט אַזוי אַרום דערפיהרט אונז דער שכל צו גאָט; אָט אַזוי אַרום דערפיהרט אונז דער געדאַנק צום אמונה.

נו, וועסטו אפשר זאָגען מיין פריינד:

— גוט! איך בין מסכים, אָבער וואָס איז אַזוינס דער „ער־שטער זיין", „די ערשטע קראַפט", „דער וואָס האָט געזאָגט א. אַ. וו., א. אַ. וו." ? ווען האָט זיך דאָס אָנגעהויבען?

איז דער ענטפער:

— מיר ווייסען נישט! אָבער אַזוי ווי די קראַפט איז דאָס העכסטע פון אַלעם העכסטען, דאָס שטאַרקסטע פון אַלעם

שטאַרקסטען, דאָס גרעסטע פון אַלעם גרעסטען, דאָס שענסטע פון אַלעם שענעם, און דערביי אויך דאָס פאַרהוילענסטע פון אַלעם פאַרהוילענעם, און זי האָט נישט קיין געשטאַלט און קיין פאָרם פון קיין מענש און קיין שום אַטריבוטען פון מענשליכען וועזען קענען אויף איהר נישט חל זיין — קאָנען מיר זי נישט זעהן און נישט הערען און נישט באַגרייפען, ווייל מיר קאָנען איהר נישט דערגרייכען מיט אונזערע באַגרעניצטע חושים און ניט באַגרייפען דורך אונזער איינגעצוימטען שכל.

און ווען מיר זאָגען דאָס, איז שוין די פראַגע, ווער די קראפט איז, נישט אַזוי וויכטיג, און מיר האָבען דערביי דערגרייכט נאָך עפּעס : אַן ענטפער צו דער זיבענטער פראַגע וועגען זין פון לעבען. דער ענטפער איז :

— צו שטרעבען צום העכסטען, צו פאַרפולקאָמונג !

און אַזוי ווי דער שכל דערפיהרט אונז צום גלויבען אין גאָט. דערפיהרט ער אונז אויך שוין — צו איין גאָט. צו אַ העכערער קראַפט וואָס איז דאָס העכסטע פון העכסטען און וואָס אַלעס אַנדערעס, איז אונטערגעוואָרפען אונטער איהר און אַלץ איז אָפּהענגיג פון איהר. אָט דאָס איז דער אידישער גאָט !

צו דעם גאָט איז נישט נויטיג אַז מען זאָל בעטען. קיינער דאַרף עס נישט טאָן — אויב ער וויל עס נישט. מען דאַרף נישט בעטען ביי איהם קיין ברויט, געזונד אָדער קינדער, ווייל כאָטש ער איז דער שעפער פון אַלעם און האָט אַן אַלגעמיינע השגחה איבער'ן גאַנצען באַשאַף, אין אַן אַלגעמיינעם, ברייטערען זין, איז גאַר נישט נויטיג צו מאַכען פון איהם אַ וועכטער איבער יעדען קליינעם מענשעלע. עס איז נאָר דעמאָלט, ווען דיין האַרץ איז פיל מיט באַוואונדערונג פאַר'ן באַשאַפער פון אַלץ, וואָס דו קענסט אויסגיסען דיין האַרץ פאַר איהם. פאַר ד י י ן דערהויבונג.

דו דאַרפסט פאַר דעם גאָט נישט מקריב זיין קיין קרבנות. ער בעט עס נישט ביי דיר. אַלץ וואָס ער וויל איז נאָר — פ אַ ר

ד י ר אַ ל י י ן . דו קענסט גאָט נישט גרעסער מאַכען און דו קענסט איהם נישט דערנידעריגערען.

דו קענסט אַפילו אָהן איהם אַליין פאַרגעסען, אָבער זיין תורה דאַרפסטו היטען, ווייל עס איז פאַר דיין אייגענעם נוצען.

דאָס איז דער תוך פון אידישען גלויבען.

און די וויסענשאַפט דערפיהרט אונז אויך צו דעם, צום גלויבען אין גאָט. אין א י י ן גאָט!

די וויסענשאַפט האָט דערפיהלט די מאַכט פון דער געטליכקייט אינ׳ם וועלט־אַל.

די וויסענשאפטסלייט, מיט איינשטיין בראש, זייענען דער־גאַנגען ביז צום גרויסען סוד און דאָרטען זיך געבוקט, מיט עהר־פורכט, און אויסגעשריען:

— מיר גלויבען!

6. תורה און מעשים טובים
פאַר'ן מאָדערנעם אידען

פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבען דאָ קלאָר געמאַכט איז צו זעהן, אַז מיר אידען דאַרפען נישט זוכען ביי די גוים אַ פאָרמולע ווי אַזוי צו לעבען, ווייל מיר האָבען אַליין די שענסטע און רייכ־סטע, וואָס די וועלט האָט נאָר אַ מאָל געהאַט.

אָבער אידישקייט אַלס אַ לעהרע, וואָס איז געגעבען צו אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, האָט נישט געקענט זיין אַ הוילע פי־לאָזאָפיע, אַ בלויזע גייסטיגע פאָרמולאָ. זי האָט זיך געדאַרפט אָנקליידען אין געוויסע פאָרמען און סימבאָלען, כדי זיי זאָלען זיין מעהר בולט. זי האָט געדאַרפט צו ווערען אַריינגעפּאַסט אין לעבען דורך אַ גאַנצע רייהע פון פאָרמען, וועלכע געהערען צו צוויי קאַטעגאָריעס: „דו זאָלסט דאָס טאָן!" און „דו זאָלסט דאָס נישט טאָן!" — און דאָס איז ווירקליך געשעהן. תורת משה ענטהאַלט אָט־די רעאַליזירונג און סימבאָליזירונג פון די הויכע לעהרעס וואָס עס איז געגעבען געוואָרען צו די אידען.

די געזעצען פון תורת משה באַשטעהען פון תרי"ג, דאָס הייסט 613 געבאָטען. פון זיי זיינען דאָ 248 געבאָטען פון „דו זאָלסט דאָס טאָן!" אָדער ווי זיי ווערען אָנגערופען אין תלמוד „מצוות עשה" און 365 געבאָטען פון נישט־טאָן, אָדער ווי דער תלמוד רופט זיי אָן „מצוות לא תעשה".

לאָמיר פריהער איבערקוקען די ליסט פון די געבאָטען פון נישט־טאָן. מיר זעהען גלייך, אַז מיר קאָנען גאַנץ גוט ווייטער אויך נישט טאָן די אַלע זאַכען, וואָס מען האָט אונז געהייסען

נישט טאָן, ווייל די געבאָטען פון נישט־טאָן באַציהען זיך מייס־
טענס אויף באַגריפען פון גערעכטיגקייט, ווי למשל, נישט רויבען,
נישט מאָרדען, נישט צו זאָגען פאַלש עדות, נישט צו גלוסטען
יענעמס, נישט צו גענאַרען א. ד. גל. אַנדערע ניט־געזעצען זיינען,
נישט צו עסען געוויסע רויב־פייגעל, רויב־עופות, רויב־חיות און
רויב־פיש, און מיר קאָנען אויך גאַנץ גוט אויסקומען אָהן זיי.
צווישען די געבאָטען איז אויך דאָ דער פאַרבאָט פון נישט עסען
חזיר און אַ איד קאָן גאַנץ גוט אויסקומען אָהן חזיר. יעדענפאַלס
איז שוין דאָס נישט עסען חזיר, געוואָרען ביי דער וועלט אַ נאַ־
ציאָנאַלער צייכען פאַר'ן איד. דער מאָדערנער איד דאַרף דע־
ריבער נישט עסען קיין חזיר, אַפילו אויב ער פאַרשטעהט נישט
געגנוי דעם פאַרבאָט, עס דאַרף זיין פאַר איהם געגוג דאָס, וואָס
זיין פאָלק, האָט אין משך פון זיין געשיכטע איבער 2000 יאָהר
נישט געגעסען קיין חזיר, און אין געוויסע צייטען געגאַנגען צוליב
דעם אויף קידוש השם, אַז ער זאָל די טראַדיציע נישט ברעכען.
ווען מיר קוקען גוט איבער די ליסט פון די זאַכען וואָס מען
האָט געהייסען נישט טאָן, זעהט מען, אַז מען קען די געזעצען
זעהר לייכט אָפּהיטען.

די אַנדערע געבאָטען, פון יאָ טאָן, דערגרייכען אין צאָל 248.
פון זיי איז דאָ אַ גרויסע צאָל, וואָס האָבען געהאַט אַ זין, נאָר
דעמאָלט, ווען די אידען זיינען געווען אַ פאָלק אויף זייער לאַנד,
און היינט זיינען זיי בטל געוואָרען. זיי זיינען בטל געוואָרען
לויט'ן דין, ווען די אידען זיינען פון זייער לאַנד פאַרטריבען
געוואָרען. אַנדערע ווידער זיינען געווען גוטע סימבאָלען אַ מאָל,
מיט דער צייט אָבער, זיינען זיי געוואָרען דאָגמעס און עס איז
אַ פראַגע צו מען קען זיי נאָך צוריק אויפלעבען; אַנדערע ווידער
זיינען נאָך פריש און לעבעדיג. אידישקייט אַלס אַ דינאַמישע
קראַפט האָט אין זיך די מעלה, וואָס זי קאָן דערוויטערען אַלטע
פאָרמען און דערנעהענטערען נייע. אָפּשאַפען אָפּגעלעבטע סימ־
באָלען און שאַפען נייע, וועלכע וועלען ווידער שפּעטער, ווען
זיי וועלען ווערען אַלט און דאָגמאַטיש, אָפּגעשאַפט ווערען. אַזוי
ווי עס וואַקסט יעדען יאָהר אויף דער זעלבער ערד ניי גראָז
און אַזוי ווי אַ בוים טראָגט אַלע זומער נייע פרוכטען. אַט־די

אַלטע סימבאָלען דאַרף מען רעווידירען און זעהן אויף ווי פיעל זיי זיינען פּאַסיג פאַר דער היינטיגער צייט, ווידער אַנדערע, נייע, דאַרפען אויפגענומען ווערען מיט פיעל פאָרזיכט און דאַרפען זיין אַבסאָלוט אין איינקלאַנג מיט די פרינציפּען פון אידישקייט.

צווישען די געבאָטען פון טאָן, איז עס אַ געוויסע זאַך, אַז שבת אַלס רוה־טאָג דאַרף בלייבען. שבת דאַרף פאַר אונז אויך זיין ווייטער אַ הייליגער טאָג, וואָס גיט אַרויס אַ השפּעה אויף דער גאַנצער וואָך. אָבער רוהען אין שבת דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערען אין אַ מאָדערנעם זין, אַזוי, אַז דער שבת זאָל ווערען צו־געפּאַסט צו מענשען. מען קאָן אָנהויבען פייערען שבת בצבור, פרייטאָג צו נאַכט, אויף אַן אַלט־נייעם טראַדיציאָנעלען אופן, שבת פרי ווייטער פייערען שבת בצבור און די וואָס זיינען נישט פריי אין דער פריה קומען נאָכמיטאָג. אַנדערע קענען קומען אין אָוונד, אויב זיי קאָנען נישט קומען פריהער. אין אונזערע לענ־דער פייערען מיר איצט אַלס רוה־טעג שבת און זונטאָג. עס איז קלאָר, אַז דער מאָדערנער מענש דאַרף היינט צו האָבען צוויי רוה־טעג. אונזערע אָנגעצויגענע נערוועו דאַרפען עס. דעריבער קאָן מען פאַרלענגערען דעם שבת אין זונטאָג אַריין.

מיר האָבען אַ ירושה פון ימים טובים. ימים טובים זיינען אַ נויטווענדיגקייט פאַר'ן מענשען. אַ מענש מוז האָבען, נאָך אַ געוויסער צייט פון וואָכענדיגקייט, אַ יום טוב. אונזערע ימים טובים זיינען אַלטע. זיי האָבען דורכגעמאַכט אַן ענטוויקלונג. זיי זיינען אין פאַרשידענע צייטען געווען אנדערע, ד. ה. די זעלבע ימים טובים אָבער מיט אַן אַנדער באַגרינדונג. אַזוי איז, למשל, דער אָנהויב פון פסח אין די אַלטע פרימיטיווע צייטען געווען אַ „חג האביב", אַ פריהלינג יום טוב. שפּעטער, נאָך מתן תורה, איז דער זעלבער יום טוב געוואָרן אַ „חג הפסח" אָדער „חג המצות" צום זכר פון יציאת מצרים. דער יום טוב דאַרף איצט אויך האָבען אַ באַנייאונג, אַ נייע באַגרינדונג. ער דאַרף ווערען אַ פאַמיליע און פריינד יום טוב, אַ יום טוב ווען אייגענע קומען זיך צונויף צו אַ פעסט, ביי איין טיש. דער סימבאָל קען אויך ווייטער זיין די באַפרייאונג פון אונזער פאָלק. ווען אַ פאַרשקלאַפּט

פאָלק איז ארויס אויף דער פריי און איז געוואָרען אַ פריי פאָלק; אַ יום טוב, וואָס איז דער אָנהויב פון אונזער ווערען אַ פאָלק.

שבועות איז געווען אין די אַלטע צייטען אַ „חג הבכורים", דער יום טוב, ווען מען האָט געבראַכט די ערשטע רייפע פרוכטען אין פאַרזאַמלונגס־הויז און זיך מיט זיי געפרעהט. שפּעטער, ווען מיר האָבען פאַרלוירען דאָס לאַנד, האָבען די חכמים איבערגעמאַכט דעם יום־טוב, אַלס יום טוב פון מתן תורה. אין ארץ־ישראל ווערט דער יום טוב ווייטער געפייערט אַלס יום הבכורים. ער קען אָבער ביי אונז אויך זעהר גוט געפייערט ווערען אַלס אונזער קאָנסטיטוציע טאָג. ווען מיר האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אונזער זיין אַלס ציוויליזירט פאָלק, מיט די צעהן געבאָט, וואָס זיינען די הויפּט פּונקטען פון אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט. אַלע פעלקער האָבען קאָנסטיטוציע־טעג. מיר אין אַמעריקע — דעם 4טען יולי; די פראַנצויזען — דעם 14טען יולי; די פּאָ־ליאַקען — דעם 3טען מאַי. אונזער קאָנסטיטוציע־טאָג איז שבועות, זעקס טאָג אין סיון.

ראש השנה איז ניי יאָהר, און אויב מיר ווילען איהם פייערן נישט דורך שכור׳ן נאָר דורך העכערע געבעטען און געזאַנגען צו גאָט, איז עס אונזער זאַך. יום כפור איז טאָג אין יאָהר, ווען אַ מענש מאַכט אַ חשבון הנפש פון זיינע מעשים, פון זיינע באַצי־הונגען צו מענשען. פון זיין געוויסען און פון זיין גאַנצען לעבען. פאַר וואָס זאָל מען ענדע דעצעמבער „נעהמען סטאָק" פון די ביזנעס פונ׳ם יאָהר און פון מענשען אליין נישט?

סוכות איז אין פּרימיטיווע צייטען געווען אַ „חג האָסיף", דער יום טוב פון איינזאַמלען די תבואה. שפּעטער איז ער גע־וואָרען אַ „חג הסוכות", און נאָך שפּעטער זיינען צוגעקומען „שמיני עצרת" און „שמחת תורה". מיר דאַרפען דעם יום טוב אויך באַנייען פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער אויף אַ נייעם אופן.

און אזוי דאַרף מען אויך טאָן בנוגע די אַנדערע ימים טובים.

מיר דאַרפען אויך געבען אונזערע נשמות אַ מעגלעכקייט

צו זינגען צו זייער שעפער, מאָמענטען פון דערהויבונג אין דער־גענטערונג צו דער געטליכקייט. דעמאָלט ווען דער מענש רוהט זינגט זיך עפּעס אין איהם און ער בענקט נאָך העכערע וועלטען. אַזעלכע מאָמענטען פון עקסטאַז זיינען אַ שפּייז פאַר דער נשמה. אין די מאָמענטען וויל דער מענש ריידען צו גאָט. דאָס איז תפילה.

אָבער תפילה דאַרף מען נישט פאַרטייטשען אַלס בעטען צו גאָט אויף געוויסע מענשלעכע געברויכען. ווי למשל צו בעטען צו גאָט אויף פּרנסה, אויף געזונד, אויף קינדער א. ד. גל. דאָס איז אַ נידעריגע שטופע פון תפילה. דאָס איז די תפילה פון פּרי־מיטיוועז, וועלכער האָט געבעטען צו זיינע געצען און פון זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלען איהם ביישטעהן אין זיינע טעגלעכע קאַמ־פען מיט דער נאַטור. אונטער תפילה פאַרשטעהען מיר אָבער אַ געזאַנג צו גאָט, אַ געבעט צו ווערען דערהויבען צו גאָט, צו קאָנען פאַרשטעהן זיינע וועגען. צו קומען אין העכערע ספערען, צו ווערען געלייטערט און צו שטייגען...

אין אַזעלכע מאָמענטען פון תפילה קאָנען מיר זאָגען אייניגע קאַפּיטלעך תהלים, וועלכע זיינען פול מיט השתפכות הנפש, מיט האַרץ אויסגוס צו גאָט און אויך די פּיוטים פון אַנדערע שפּעטער־דיגע דיכטער, ווי אויך צו שאַפונגען פון די היינטיגע מאָדערנע דיכטער אין העברעאיש און אין אידיש. עס מוז אויך געפונען ווערען אַ וועג איינצואָרדנען אַזעלכע תפילה־מאָמענטען פאַר אונ־זער יוגענד, וועלכע פאַרשטעהט נישט קיין אידיש און רעדט נאָר ענגליש. פאַר אָט דער יוגענד דאַרפען די געבעט־מאָמענטען זיין אויף ענגליש. בכלל דאַרף מען זיך שטעלען אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז ביי אַזעלכע מאָמענטען איז ניט וויכטיג די שפּראַך, נאָר דאָס האַרץ, און עס מוז אויך געגעבען ווערען די מעגלעכקייט צו גרופּען, צו יחידים, צו בעטען און צו זאָגען וועלכע תפילות און געזאַנגען זיי ווילען. אונזער סידור טאָר נישט זיין אַ פעסטגע־זעצטער, באַשטימטער, נאָר ער דאַרף זיין בלויז אַן אָנווייזער. מיר קענען אויך נישט שאַפען קיין באַשטימטען קאַטעכיזם, נאָר מיר מוזען עס לאָזען פריי צו די הערצער פון די מענשען. אַזוי קען אויך נישט, פון פריהער־אויס, באַשטימט ווערען די געזאַנגען וואָס

מען זאָל זינגען, ווייל די געזאַנגען, ווי די ווערטער, דאַרפען נישט ווערען פעסטגעזעצט און באַשטימט, ווייל דעמאָלט וועלען זיי ווערען דאָגמאַטיש. מיר וועלען נאָך פּראָבירען שאַפען אַן אָנווייזונג־בוך אין וועלכע עס וועט אָנגעוויזען ווערען אויף פיעל געבעטען און געזאַנגען, און עס וועט איבערגעלאָזט ווערען פאַר יעדע גרופּע, אין יעדען מאָמענט פון דערהויבונג צו זינגען און צו בעטען די יעניגע געזאַנגען, וועלכע זיי וועלען געפינען פאַר גוט, און אַ מאָל קאָן אַ גרופע שאַפען אויך אייגענע פאָרמען אָדער אייגענע געזאַנגען.

פון אַלעם דעם וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט איז צו זעהן וואָס אונזער טעטיגקייט דאַרף זיין. מיר האָבען זיך אָבער ביז איצט נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ געבאָט, וואָס איז דאָ אין דער תורה, און וואָס האָט נישט זיין גלייכען אין קיין שום אַנדערע שאַפונג אין דער וועלט. מיר מיינען דעם העכסט באַגייסטערטען אויסדרוק „קדושים תהיו, כי קדוש ה' אלהיכם". איהר זאָלט זיין הייליג, ווייל הייליג איז אייער גאָט! אין די ווערטער: „איהר זאָלט זיין הייליג!" דאָ האָט איהר אין איין זאַץ אַלצדינג, וואָס אידישקייט לערענט, ווייל דער הייליגער מענש איז נאָהענט צו גאָט, היט אָפּ זיין געזונד און איז זעהר אָפּגעהיטען צו זיין עהרליך צו יענעם. אויב עס פעלט נאָר איינס פון די דריי אייגענשאַפטען, קאָן מען שוין נישט זאָגען, אַז דער מענש איז הייליג. אָט דאָס איז, צו וואָס דער גרויסער געזעץ־געבער האָט געשטרעבט, צו געבען אונז דעם באַגריף פון אידישקייט מיט איין פראַזע, מיט איין וואָרט.

און אָט דאָס איז אויך, צו וואָס מיר נייע אידען מוזען שטרעבען. צו זיין הייליג. אַ הייליגער מענש מיידט אויס פאַרשוועכונג פון זיין הייליגקייט. אַזאַ מענש זוכט, אַז אַלץ אַרום איהם זאָל זיין הייליג. ער איז הייליג אין זיינע געדאַנקען און ער איז הייליג אין זיינע טאַטען. ער איז הייליג צו גאָט און הייליג צו די מענשען.

„קדושים תהיו!" איהר זאָלט זיין הייליג, דאָס איז דאָס העכסטע געטלעכע וואָרט צו די מענשען. לאָמיר דעריבער אויפנעמען גאָט'ס וואָרט! לאָמיר זיין הייליג!